STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08770

DI SHTOT BRISK

Kopl Novik

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די שטאָט בריסק

רייזע איינדרוקן

פון קאָפּל נאָוויק

מיט אַ צוגאָב פון פּסח נאָוויק און י. פינקעלשטיין

☆

אַרויסגעגעבן פון אַ גרופּע בריסקער אונטער דער אויפזיכט

פון י. פינקעלשטיין

ניו־יאָרק 1973

אין דער שטאָט בריסק

פון נ. קאַפּל

ס׳איז שוין באַלד 48 יאָר ווי איך, אַ 20 יאָריקער אַרבעטער־אינגל, האָב זיך געזעגנט מיט טאַטע־מאַמען, מיטן ברודער און דער שוועסטער און פאַר־לאָזט מיין געבורט־שטאָט — בריסק. אין משך פון די אַלע יאָרן האָב איך געטרוימט ווידער קומען קיין בריסק, וואָס האָט אונזער אַרבעטער־פאַמיליע, מיינע צוויי עלטערע ברידער, פסח און שיע, מיר און מיין אינגערן ברודער איטשען, געגעבן די מעגלעכקייט צו שטעלן די ערשטע טריט אין לעבן. געטרוימט זיין אויף קבר אבות, וואו עס רוען די עלטערן, וועלכע האָבן יאָרן לאַנג געוויינט אויף דעם, וואָס אַלע פינף זין האָבן זיי פאַרלאָזן, זיין אויפן קבר פון מיין שוועסטער שיינע־ליבע, וועלכע איז צוזאַמען מיטן מאַן און זייערע צוויי קינדערלעך, אין יאָר 1943 אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציס אין דער בריסקער געטאָ...

און אָט פירט אונז די באַן קיין ווייסרוסלאַנד. מיר זיינען שוין דורכ־געפאָרן באַראַנאָוויטש... וואָס נעענטער צו בריסק — אַלץ מער איבערלע־בונגען... אָט איז שוין זשאַבינקע — דאָס לעצטע שטעטל פאַר בריסק. אַלץ מער שווימען אויף בילדער פון מיין קינדהייט, פון דער היים, בילדער פון דער ראָמאַנטישער יוגנט. איך פאָר אַהיים!

אַהיים? ווער וואַרט אויף מיר דאָרט? איך ווייס אַפילו ניט וואו איך וועל זיך אָפּשטעלן...

נאָר דאָס פאַרקלענערט ניט מיין אומגעדולד. וואָס הייסט? ווי קאָן דאָס זיין אַז איך וועל ניט האָבן וואו אָפּצושטעלן זיך? איך פאָר דאָך אין מיין בריסק, די שטאָט פון צוואַנציק יאָר פון מיין קינדהייט און יוגנט!

נאָך זשאַבינקע גיי איך שוין פון וואַגאָן־פענצטער ניט אַוועק. יעדן דערפעלע, הייזעלע, יעדן בוים, וואָס שוועבט פאַרביי מיינע אויגן „דערקען" איך. און אָט איז דער וואָקזאַל.

אַ ברייטע נעץ מיט שינעס. צוויי בריקן, איינע פאַר פוסגייער און די צווייטע פאַר טראַנספּאָרט, פירן אין שטאָט אַריין. דאָס איז „ער"! אונזער בריסקער וואָקזאַל!

אַלץ איז ווי געווען. אַלץ איז באַקאַנט. איך בין אינדערהיים. ניט איינ־מאָל בין איך דאָ געווען. געפאָרן פון דאַנען קיין ביאַליסטאָק, מאַלעריטע און אין אַנדערע ערטער אין פּריצישן פוילן, אויף אויספילן אויפגאַבעס פון אונזער אונטערערדישער אַרבעט...

איך בין אינדערהיים... נאָר קיינער האָט מיך ניט באַגעגנט. די מאַסן מענטשן אויפן וואָקזאַל פאַלט גאָרניט איין אין געדאַנק, אַז קאַפּל איז געקומען אַהיים — כאָטש מיר האָט זיך געדאַכט, אַז עמעצער קוקט אויף מיר מיט נייגעריקייט. ס׳הייסט אַזוי האָט זיך מיר געוואָלט...

מיר איילן זיך אין שטאָט אַריין, זוכן אַן אָרט וואו אָפּצושטעלן זיך. אָט איז די געבײַדע פונעם נייעם גרויסן האָטעל „בוג". נאָר דאָרט זיינען קיין פרייע ערטער ניטאָ. ווען דער דירעקטאָר פון האָטעל האָט זיך דערוואוסט ווער איך בין — אַז איך בין געקומען „אַהיים" — האָט ער אַנגעקלונגען אין אַ טוריסטן־באַזע און געבעטן לאָזן פאַר מיר און מיין פרוי ערטער.

אַוועקגעלייגט די זאַכן און זיך געלאָזט גיין. אָט איז די שטאָט פון מיין קינדהייט. דאָס איז „יענע" בריסק און ניט יענע. נאָר איך בלאָנדזשע ניט. איך פרעג ניט ביי קיינעם. איך גיי זיכער איבער די גאַסן צו „זיך", אין מיין דאָלגע גאַס.

איך האַלט נאָך ביי פושקינסקע גאַס, ביי גאָגאָל בולוואַר, וואו עס האָבן געוואוינט די מער פאַרמעגלעכע בריסקער איינוואוינער, וואו אַ אינגל פון „מיין" דאָלגע גאַס פלעגט ניט אָפט קומען. אָט איז די „ניעווסקע", די שאָסיי־גאַס (איצט מאָסקאָווסקאַיאַ) מיט אירע געדיכטע קאַשטאַן־בוימער בולוואַרן. און אָט איז דער גוט־באַקאַנטער „ריאַד" קראָמען.

נאָר וואו זיינען אַהינגעקומען די פלייש־קראָמען, די יאַטקעס לעבן וועלכע עס איז געווען אונזער קליין מויערל?

איך האָב געוואוסט, אַז אונזער הויז איז ניטאָ. מיין ברודער פסח איז אין 1946 דאָ געווען און געזען אַנגעשאָטענע ציגל, שטיקלעך ווענט. נאָר איך איל זיך פונדעסטוועגן אַהיים. אפשר האָט מיין ברודער אַ טעות געהאַט? אפשר שטייט זי און וואַרט אויף מיר?

וואַרט? ווער? אויב זי איז גאַנץ געבליבן, וואוינט דאָך עמעצער דאָרטן — איז זי שוין דאָך „עמעצנס" היים, ניט מיינע...

מיינע אַ בריסקער באַקאַנטע, וועלכע וואוינט איצט אין מאָסקווע, האָט דערציילט ווי עטלעכע יאָר נאָך דער מלחמה האָט זי באַזוכט בריסק. פון באַן איז זי געלאָפן אַהיים. פון דער וויייטנס האָט זי געזען איר הייזעלע. זי איז צוגעלאָפן און... זיך אָפּגעשטעלט. זי ווייסט, אַז אַלע אירע קרובים זיינען אומגעקומען. ווער־זשע איז דאָרט אין איר היים?

זי האָט אַנגעקלאַפּט. מען האָט איר געעפנט.

— וואָס ווילט איר?

זי האָט זיך פאַרלאָרן און ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. נאָר דער מאַן, וואָס וואוינט דאָרט, האָט פאַרשטאַנען ווער זי איז... אַזעלכע פאַלן האָבן זיך דעמאָלט גאַנץ אָפט געטראָפן.

ער האָט איר זייער העפלעך, מיט גרויס מיטגעפיל, איינגעלאַדן אין שטוב אַריין, געבעטן זיך זעצן. ער האָט איר דערציילט, אַז ער, ניט קיין בריסקער, אַרבעט דאָ אַלס אינזשענער־בויער. די ווייב איז אַ לערערין. צוויי קינדער גייען אין קינדער־גאָרטן. די שטוב איז מלוכה־אייגנטום נאָר אויף זיין נאָמען. „אויב איר ווילט זיך אומקערן, — האָט ער געזאָגט, — ביטע, מיר וועלן געפינען אַן אַנדער דירה".

זי האָט אים געזאָגט, אַז זי קלייבט זיך ניט וואוינען אין בריסק. זי

אַרבעט און האָט אין מאָסקווע אַ גוטע דירה, און ער קאָן דאָ רואיק וואוינען.
אים האָט זי באַרואיקט, נאָר זיך?...

אפשר וואַרט אויך אויף מיר אַזאַ באַגעגעניש?

איך בין אויף מיין גאַס. כאָטש אַ סך היזלעך זיינען שוין אַראָפּגענומען, דערקען איך זי. איך דערקען דאָס „גרויסע", צוויי־שטאָקיקע הויז, וואָס שטייט ביים אַריינגאַנג אין הויף וואו אין דער טיף איז געווען אונזער מויערל. איך לויף אַריין אין הויף און זוך... ניטאָ גאָרניט. קיין שום שפּורן.

אַ ציגל־פאַרקאָן צוימט איבער דעם הויף פונקט דאָרטן, וואו מיין היים איז געווען, וואו אונזער הייזעלע איז געשטאַנען. איך „זע" זי אָבער אין געדאַנק זייער קלאָר. איך זע די קיך מיטן גרויסן רוסישן אויוון, מיטן גרויסן צימער מיט צוויי פענצטער, מיטן שלאָף־צימער. אָט דאָ, וואו איך שטיי איז געווען אַ קליין הויפעלע מיט אַ שפּייכלער. דאָ האָט מען אויף סוכות געבויט אַ סוכה. איך דערמאָן זיך ווי אין דער סוכה האָבן מיינע עלטערע ברידער מיט געסט גערעדט וועגן עפּעס אַ ביילים־פּראָצעס... און נאָך און נאָך דעראינערונגען...

דאָ, ניט ווייט פון אונזער הויז, איז געווען דאָס טריסקער שטיבל, וואו מיר, אינגלעך, האָבן אויפן גרויסן פרייען פּלאַץ לעבן שטיבל געשפּילט אין „שלח לך"! „שיק אַרויס דיין פּאָלק, מיין פּאָלק איז שטאַרק... מיין פּאָלק איז נאָך שטאַרקער — שיק!..."

נאָר דאָס איז אַלץ אין געדאַנק, דאָס איז אַלץ געווען דאָ מיט אַזוי פיל יאָרן צוריק. יע, איך שטיי אויפן אָרט פון מיין געוועזענער היים, אויף דער דאָלגע גאַס (איצט קוביבישעווא). נאָר דאָס איז שוין ניט „מיין" גאַס. אויפן אָרט פון די יאַטקעס, פון אונזער הייזל און פון טריסקער שטיבל איז אויסגעבויט אַ גרויסער מילך־פּוטער זאַוואָד. אויפן אָרט פון דער ברייטער מאַרק־גאַס, וואָס האָט זיך געצויגן נאָך די יאַטקעס, צום טייך מוכאַוועץ, זיינען אויסגעבויט צוויי נייע גרויסע שיינע גאַסן: אינטערנאַציאָנאַלע גאַס און ברעג־גאַס (נאַבערעזשנאַיאַ), מיט אַכט־צען און צוועלף־שטאָקיקע שיינע הייזער. די גאַנצע געגנט, פון שאָסיי־גאַס ביזן טייך, איז פאַרבויט מיט גאָר פיינע הייזער. אינעם אַלטן בריסק האָט מען צוליב דער פעסטונג ניט געטאָרט בויען קיין הייזער העכער ווי דריי שטאָק. און איצט — פילשטאָקיקע, מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן.

איך לעב איבער צוויייענדיקע, ווידערשפּרעכלעכע געפילן. איך בין צופרידן וואָס איך דערקען אַלץ, עס איז נאָך אַביסל געבליבן פון „מיינע", אידישע, אַלטע געסלעך, איבער וועלכע איך בין דאָ מיט יאָרן צוריק געלאָפן, געשפּילט זיך, געגאַנגען צו דער אַרבעט און שפּעטער — אויף געהיימע פאַרזאַמלונגען און... בין צופרידן, וואָס מען נעמט די פאַרפוילטע הייזלעך אַראָפּ, מען פאַרניכטעט זיי, און, ווי אומעטום אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווערן אויך דאָ אין מיין בריסק, אויסגעבויט נייע, גרויסע, באַקוועמע הייזער, שולן, טעאַטערס, קראָמען... ווידערשפּרעכלעכע געפילן ראַנגלען זיך אין מיר...

* * *

פיר טעג האָבן מיר פאַרבראַכט אין מיין היים־שטאָט בריסק. דאָס איז איצט אַ גרויסע, שיינע שטאָט מיט העכער צוויי מאָל מער באַפעלקערונג, ווי פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה — העכער הונדערט צוואַנציק טויזנט איינוואוינער! דאָס איז שוין ניט קיין שטאָט פון אידישע שניידער, שוסטער און הענדלער. בריסק פאַרמאָגט איצט ביי פערציק גרויסע אונטערנעמונגען פון דער שווערער און לייכטער אינדוסטריע. דאָ פּראָדוצירט מען פאַרשיידענע מאַשינען, עלעקטראָ־לעמפּלעך, טעקסטילן, אַנדערע פאַבריקן און זאַוואָדן זיינען פאַראַן.

אין בריסק גייט איצט אַרויס אַ טעגלעכע צייטונג „זאַריאַ". ווי אין אַלע אַנדערע שטעט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, איז אויך אין בריסק דאָ אַ גרויסער מאַנגל אין אַרבעטס־כוחות. אויף דער לעצטער, פערטער זייט פון דער צייטונג געפינט זיך אַ גרויסע רעקלאַמע־אָפּטיילונג: „טרעבויוטסיאַ"! — עס פאָדערט זיך. עס ווערן אויסגערעכנט אונטערנעמונגען און ווירטשאַפטן, וועלכע לאַדן איין אויף אַרבעט: בוי־טרעסטן, מעכאַנישער זאַוואָד, אויטאָמאָביל־באַזע, זאַקן־פאַבריק, רעסטאָראַן־טרעסט, וואָקזאַל, שפּיטאָל און אַנדערע. זיי לאַדן איין אויף אַרבעט: אינזשענערן, בוכהאַלטערס, שניידערס, פאַרקויפערינס, שאָפערן, עלעקטריקער, שלאָסערס און אַנדערע. ווער עס האָט קיין דירה ניט — זאָגט מען צו צו געבן.

בריסק איז איצט אַ שטאָט מיט אַ סך לערן־אַנשטאַלטן. אין דער צייטונג „זאַריאַ" האָב איך געזען אַ גאַנצע זייט, וואָס האָט געהייסן: „וואו צו גיין זיך לערנען". דאָרט זיינען געווען אַזעלכע מעלדונגען:

דער בריסקער פּעדאַגאָגישער אינסטיטוט עפנט אַן אַכט־חדשימדיקע צוגרייטונגס אָפּטיילונג פאַר אַרבעטער און קאָלכאָזניקעס, וואָס האָבן אַ נייגונג צו פּעדאַגאָגישער אַרבעט. עס ווערן אויסגערעכנט די באַדינגונגען, ביי וועלכע זיי קאָנען ווערן אָנגענומען.

די בריסקער ראַדיאָ־טעכנישע שול נומער 1 נעמט אויף אין אַלע אירע ניין אָפּטיילונגען בחורים און מיידלעך אין עלטער ניט איינגער ווי 17 יאָר. אויף פאַרשיידענע אָפּטיילונגען דאַרף מען האָבן בילדונג, ניט ווייניקער ווי אַכט קלאַסן.

עס זיינען אויך דאָ רעקלאַמעס פון בריסקער אויטאָמאָביל־שול, פון בריסקער בוי־טעכניקום, פון דער פּראָפעסיאָנעלער האַנדלס־שול און אַנדערע לערן־אַנשטאַלטן.

עס ווערט רעקלאַמירט וואָס מען שפּילט אין דעם טעאַטער, אין די פינף קינאָ־טעאַטערן.

דער מוזיי אין בריסק

אויף דער נייער, שיינער לענין־גאַס געפינט זיך אַ גרויסער מוזיי פון בריסקער געגנט. דאָרט ווערט געוויזן די נאַטור פון געגנט: וועלדער, פעלדער, טייכן, חיות און פויגלען פון דעם אַרום. דאָרטן זיינען אויסגעשטעלט בילדער און דאָקומענטן וועגן דער געשיכטע פון דער שטאָט בריסק און איר פעסטונג, וועגן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

בריסק איז ניט געשטאַנען אין דער זייט פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד. אין דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע פון יאָר 1905 האָט אַקטיוו אויך אָנטיילגענומען בריסק. אין מאַי 1905 האָבן געסטרייקט די אייזנבאַן־אַרבעטער און אויף לאַנג איבערגעריסן די באַוועגונג אויף אַזאַ וויכ־טיקער אייזנבאַן־ליניע. צווישן דעם מיליטער, אין דער פעסטונג איז געווען אַן אומלעגאַלע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע, מיט וועלכער עס האָט געהאַלטן פאַרבינדונגען די באַוואוסטע באָלשעוויסטישע טוערין סטאַסאָווואַ. אין יאָר 1906 זיינען צווישן דעם מיליטער געווען גרויסע אומרוען און עס האָט געהאַלטן ביי אַן אויפשטאַנד. די אומרוען זיינען שאַרף אונטערדריקט געוואָרן.

אין דעם טייל פון מוזיי וואו עס ווערט באַלויכטן די געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין בריסק, ווערן געוויזן בילדער פון אַ סך בריסקער רעוואָלוציאָנערן־אידן: מייער באַראַן, יעקב ביקין, יוסף רובינטשיק, אברהם הענדלער, פאַניע מילמאַן, אברהם ראַף, טעוויע יאַנקעלעוויטש, יודל קאַט, חוה קרייצער, רעגינאַ קאַפּלאַן, ליוושיץ און אַנדערע.

ווען איך האָב ביי אַ פאָרשטייער פון מוזיי געפרעגט פאַרוואָס איז שוואַך אָפּגעשפּיגלט אין מוזיי די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אינעם פעריאָד פון אָנהויב פון די צוואַנציקער יאָרן, האָבן זיי זיך געקלאָגט, אַז ביי זיי זיינען ניטאָ קיין גענוגע מאַטעריאַלן און ס'זיינען ניט גענוג באַוואוסט די מענטשן, וועלכע האָבן דעמאָלט אָנטייל גענומען אין דער באַוועגונג. ווען איך האָב עפּעס דער־ציילט, וואָס דאָ איז אין יענע יאָרן געווען, האָבן זיי זיך אין מיר אָנגעכאַפּט און געבעטן געבן זיי מיינע פאָטאָגראַפיעס פון יענע און היינטיקע צייטן און אַ גענויע באַשרייבונג פון דעם וואָס ס'איז מיר באַוואוסט און אין וואָס איך פערזענלעך האָב אָנטייל גענומען. זיי האָבן אויך געבעטן געפינען נאָך אָנטייל־נעמער פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין יענע יאָרן.

אַמאָליקע בריסקער

מיר האָבן זיך באַקאַנט און זיינען געווען צוגאַסט ביי אַ בריסקער איינ־וואוינער, פינקעלשטיין. ער מיט זיין פרוי, אַ שניידערקע, זיינען ערב דער מלחמה צופעליק געווען ווייט פון בריסק און אומגעקערט זיך שוין נאָך דער מלחמה.

זיי האָבן דערציילט שוידערלעכע זאַכן וועגן דעם ווי די דייטשן האָבן אומגעבראַכט די אידן אין בריסק, ווי דער דאָקטאָר בעגון האָט אָנשטאָט אַריבערגיין אין געטאָ, איינגעאָרדנט ביי זיך אין שטוב אַ פייערלעכן מיטאָג פאַר זיך, פאַר זיין פרוי, צוויי טעכטער, איידעם און שוועסטער, און אַלעמען, מיט זייער וויסן אויך זיך פאַרסמט..., ווי די פרוי פון דאָקטאָר שטיינבערג האָט זיך פאַרסמט ביי זיך אויפן בוידעם.

אַן אומגלויבלעכע געשיכטע האָבן זיי דערציילט ווי אַ איד מיט צוויי קינדער, אַ אינגל און אַ מיידל, האָבן אַנדערהאַלבן יאָר זיך אויסבאַהאַלטן ביי אַ באַקאַנטן קריסט אויפן בוידעם.

אין בריסק וואוינען איצט עטלעכע צענדליק אַלטע בריסקער אידישע

פאַמיליעס. צוליב פאַרשיידענע צופעליקע סיבות זיינען זיי ניט געווען אין בריסק דעם 22טן יוני, 1941, ווען די דייטשן האָבן די שטאָט פאַרנומען, און אַזוי אַרום זיינען זיי לעבן געבליבן. אויסער זיי וואוינען איצט אין בריסק עטלעכע הונדערט אידן, געקומען אַהער אַרבעטן פון ווייטע רוסישע געגנטן. זיי פאַרנעמען אַן אָנגעזען אָרט אין אָרטיקן ווירטשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן.

אין צענטער שטאָט, אויפן ראָג פון סאָוועטסקע גאַס און גאָגאָל בולוואַר, האָב איך געזען אַן ערן ברעט (דאָסקאַ פּאָטשאָטאַ), אויף וועלכער עס זיינען אָנגעגעבן די פאַרגעשריטענע בריסקער אונטערנעמונגען און די נעמען פון זייערע אָנפירער. צווישן זיי זיינען געווען מענטשן מיט אויסגעשפּראָכן אידישע נעמען: קאָגאַן, העלפאַנד און אַנדערע און אפילו מיט אַ פאַמיליע נאָוויק.

מיר זיינען אויך געווען צוגאַסט ביי אַן אַלטן בריסקער איינוואוינער, געוועזענער אייגנטימער פון אַ קינאָ־טעאַטער, מיכאַאיל סאָרוווער. ער וואוינט איצט אין אַ שיינער נייער דירה לעבן „קייסער־סאַד", אַ פּענסיאָנער. אויס־לענדישע באַקאַנטע, לאַנדסלייט, לייגן אים פאַר אַריבערפאָרן צו זיי. ער וויל אין ערגעץ ניט פאָרן. „בריסק איז מיין היימשטאָט. דאָ האָב איך געלעבט, לעב און וועל דאָ בלייבן".

די עלטערן פון קאָפּל נאָוויק, חיים־פייוול (אַלטער) און חיה־אסתר נאָוויק

ביים ברודער־קבר

ניט האָבנדיק אין בריסק קיין לעבעדיקע קרובים, האָב איך באַשלאָסן

באַזוכן די קברים פון מיינע עלטערן. נאָר קיין אידישער בית עולם איז אין בריסק שוין ניטאָ. די נאַציס האָבן פאַרניכטעט ניט נאָר די לעבעדיקע אידן, נאָר אויך צונישט געמאַכט, צעשמעטערט דעם אידישן בית עולם. ווי מען האָט מיר דערציילט, האָבן זיי די מצבות אויסגענוצט אויף אויסלייגן זיי אין די בלאָטעס און מיט דעם געשאַפן נייע טראָטואַרן. דערביי האָבן זיי די מצבות געלייגט מיט די אידישע אותיות פון אויבן, מען זאָל טרעטן אויף זיי... זיי האָבן די מצבות אויך אויסגענוצט אויף פאַרריכטן די ווענט פון די רואינירטע הייזער. און אויך דאָ אַזוי, אַז די אויפשריפטן זאָלן זיין פון דרויסן, מען זאָל זען. עטלעכע יאָר זיינען זיי געלעגן, ביז די סאָוועטן מאַכט האָט זיי פאַרביטן.

ניט געהאַט, הייסט עס, קיין מעגלעכקייט צו באַזוכן די קברים פון מיינע עלטערן, צו בויגן דעם קאָפּ פאַר זיי, צו באַרואיקן זיי, דאַנקען זיי פאַר זייער שווערער מי און זאָגן זיי, אַז זייערע קינדער האָבן געקעמפט, ווער מיט געווער אין די הענט, און קעמפן אויך איצט, קעגן די מערדער, וואָס האָבן פאַרניכטעט זייער און אונזער היים, זייער טאָכטער מיט די אייניקלעך, און טוען אַלץ, אַז מער זאָל זיך אַזעלכעס ניט איבערחזרן.

און וואו זוכט מען דעם קבר פון מיין שוועסטער מיט איר מאַן, מיט זייערע צוויי קליינע מיידעלעך? די נאַציס האָבן די אידן פון געטאָ פאַרטריבן ווייט פון שטאָט, אין דער ריכטונג פון „בראָנאַיאַ גאָראַ" און דאָרט זיי פאַר־ניכטעט. נאָר אַ גרויסן טייל האָבן זיי געטויט דאָ ניט ווייט אויף אונזער דלוגאַ גאַס. אפשר דאָרט זוכן?

אָט איז דער גרויסער הויף, צווישן קליינע הייזער, וואוהין ביי זעקס־אַכט טויזנט אידן זיינען געגאַנגען זייער לעצטן וועג... דאָ איז געשטעלט געוואָרן אַ דענקמאָל מיט אַן אויפשריפט:

„דאָ זיינען באַגראָבן סאָוועטישע בירגער, רחציחותדיק פאַרפייניקט פון די דייטשיש־פאַשיסטישע פאַרכאַפּער אין 1943טן יאָר".

אַרום דעם דענקמאָל־מאָנומענט וואַקסן אַ סך פאַרשיידענע בלומען. עס ליגן אויך פריש־געבראָכטע בלומען... איך האָב אויך צוגעלייגט מיינע. עס זעט זיך, אַז מען גיט אַכטונג אויף דעם ברודער־קבר. די רוסישע איינוואוינער פון די שכנישע הייזער האָבן אונז געהאָלפן אָריענטירן זיך ווי אַריינגיין אינעם הויף, צום דענקמאָל. מיט טרערן אין די אויגן האָבן זיי אונז מיטגעפילט, געזידלט די נאַצישע מערדער...

עטלעכע מאָל האָבן מיר באַזוכט דעם ברודער־קבר פון די קרבנות. אפשר איז דאָס אויך דער קבר פון מיין שוועסטער שיינע־ליבע מיט אירע קינדערלעך?...

ניט דאָס ערשטע מאָל קומט מיר אויס צו זיין אויף אַזעלכע קברים. זייענדיק אין דער אַרמיי, אין די יאָרן פון דער מלחמה, און שפּעטער, האָב איך ניט איינמאָל זיך אָנגעשטויסן אויף שפּורן פון שוידערלעכע פאַשיסטישע רציחות און בין, נאַטירלעך, שטענדיק געוועזן שטאַרק אויפגערודערט. נאָר דאָס מאָל האָט דאָס מיר גאָר טיף געריירט... עס איז שאַרפער געוואָרן די אַנטשלאָסנ־

קיין ניט צו דערלאָזן מער אַזעלכע מענטשלעכע טראַגעדיעס, רופן אַלע ערלעכע מענטשן צום קאַמף קעגן מלחמה און דער פאַרניכטונג פון פעלקער.

אין דער בריסקער טורמע

פאַרן פאַרלאָזן בריסק האָב איך באַשלאָסן אויפזוכן די טורמע־געביידע אין וועלכער איך בין אין די יאָרן 1921־1922 געזעסן. איז זי געבליבן גאַנץ? וואָס טוט זיך דאָרט איצט?

די טורמע איז געווען ניט ווייט פונעם טייך מוכאַוועץ, לעבן קלויסטער און „קייסער־סאָד". כאָטש די געגנט איז איצט פאַרבויט מיט נייע גאַסן און גרויסע הייזער, האָב איך געפונען דעם וועג צו דער טורמע.

זי שטייט די פיר־שטאָקיקע געביידע. אַרומגערינגלט מיט אַ הויכן ציגל־נעם פאַרקאַן און שטעכנדיקע דראָטן, מיט אייזערנע גראַטעס אויף די פענצטער, איז זי פונקט ווי אַמאָל, נאָר אין הויף, צו דער אַלטער געביידע, איז עפּעס צוגעבויט נאָך אַ געביידע. דאָס זעט זיך פון דער ווייטנס.

וואָס איז דאָרט איצט? געוויס אויך אַ טורמע. ווען מיר זיינען צוגע־גאַנגען צום טויער, האָבן מיר געזען אַ גרויסע שילד: „שניידער פאַבריק", און נידעריקער אַ קלענערע שילד: „מאַלעריי סטודיאָ", נאָך נידעריקער, ביים טיר, איז אָנגעשריבן: „קיין זייטיקע לאָזט מען אַהער ניט אַריין", דאָס הייסט, אַז מען לאָזט אַריין נאָר די, וואָס אַרבעטן דאָרט.

דער וועכטער, אַ 55־60 יאָריקער מאַן, האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט דעם, וואָס מיר באַטראַכטן די געביידע. איך האָב געוואָלט, אַז מיין פרוי זאָל זיך איבערצייגן, אַז דאָס איז די געביידע פון דער געוועזענער טורמע, האָב איך דעם וועכטער געפרעגט:

— איר זייט אַ בריסקער געבוירענער און וואוינט די גאַנצע צייט דאָ?

— יע, אַן אָרטיקער.

— וואָס איז אין דער געביידע פריער, ביי די פּאָליאַקן, געווען?

— אַ טורמע. אויב איר זייט אַ בריסקער, דאַרפט איר דאָס וויסן.

— יע, איך ווייס גוט. איך בין אין דער טורמע געזעסן.

און עס איז אַוועק אַ שמועס וועגן יענע צייטן.

ער האָט אונז אַריינגעלאָזט אין הויף פון דער איצטיקער שניידער־פאַבריק, און איך האָב ווידער געזען דעם טורמע־הויף אויף וועלכן מען האָט אונז, אַרעסטאַנטן, אַמאָל געפירט אויף אַ שפּאַציר. איצט, כמעט מיט פופציק יאָר שפּעטער, שפּאַציר איך ווידער אויף דעם הויף...

אַמאָל, אין טורמע...

מיין געדאַנק האָט מיר ווידער אַריבערגעטראָגן אין „מיין" קאַמער, אויפן דריטן שטאָק. איך שטיי אויף דער נאַרע ניט ווייט פון קליינעם פענצטערל מיט די אייזערנע גראַטעס, קוק אויפן טייך מוכאַוועץ און אויף די מענטשן וואָס גייען זעלטן דורך. אפשר וועט דורכגיין אַ באַקאַנטער. פּלוצלונג זע איך — מיין טאַטן. ער איז געווען ביי זיין שוועסטער — ביי מיין מומען, וועלכע האָט

דאָ ניט ווייט געוואוינט. ער איז דורכגעגאַנגען און זיך ניט אָפּגעשטעלט. איך האָב געוואוסט, אַז ער איז אויף מיר געווען אין כעס. נאָר פאַרבייגיין די תפיסה, אין וועלכער עס זיצט דער זון און זיך אפילו ניט פאַרהאַלטן — דאָס האָט מיך געוואונדערט.

און אין כעס איז ער געווען אויף מיר דערפאַר, וואָס איך האָב זיך ניט צוגעהערט צו זיינע עצות, איך זאָל איבעררייסן מיט מיינע חברים. „איר וועט זיך גאָרניט דערשלאָגן, — פלעגט ער אָפּט מיר זאָגן, — ביי זיי אין די הענט איז די מאַכט, די כוחות און איר קאָנט מיט זיי גאָרניט טאָן. אַזאַ איז שוין אונזער אידישער מזל. דו האָסט אָנגעהויבן עפּעס פאַרדינען און ברענגען אין שטוב אַריין — זיי מיט דעם צופרידן. דערפיר ניט צו אָן אומגליק פאַר דיר און פאַר אונז...‟

זיין אומצופרידנקייט מיט מיין אויפפירונג איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ווען די פּאָליציי איז אין אָוונט געקומען מיר אַרעסטירן און געמאַכט אַן אונטערזוכונג (אביסק) אין שטוב, האָט איינער פון די פּאָליציי אַגענטן זיך געווענדעט צום טאַטן אויף אַ דייטשיש־אידישן לשון: „פאַטער, דו האָסט ניט קיין גוטן זאָן. וואָס זאַגסטו‟? און מיין טאַטע האָט זיך שיער ניט אָנגעהויבן באַקלאָגן פאַר אים אויף מיר, נאָר דאָ האָט זיך די מאַמע אַריינגעמישט און אַ געשריי געטאָן אויפן טאַטן: „שווייג בעסער!‟

די אומצופרידנקייט פון מיין טאַטן האָב איך ניט פאַרשטאַנען. איך האָב געוואוסט ווי ער ליידט, ווי מיין זיצן דאָ טוט אים וויי, נאָר גלייכגילטיק פאַר־בייגיין און אפילו ניט אַ קוק טאָן אויף דער תפיסה — דאָס האָט מיך פאַר־דראָסן. איך בין דאָך אַ זון. אפשר וועט ער זיך אומקערן? איך קוק און זע ווי דער טאַטע גייט צוריק, זיך אָפּגעשטעלט, און אָנגעהויבן אַרומקוקן די טורמע־געביידע. מיר האָט ער, פאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט זען. אַ מינוט־צוויי איז ער געשטאַנען, זיך פאַרטראַכט, אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס, אַ צע־ווייטיקטער צעשפּרייט די הענט און פּאַמעלעך, פּאַמעלעך אַוועקגעגאַנגען...

אין דעם אַלעם האָב איך זיך דערמאָנט, זייענדיק ווידער אויפן טורמע־הויף. מיין פרוי האָט מיר איבערגעהאַקט מיינע געדאַנקען: — „וואָס האָסטו זיך אָפּגעשטעלט? וואָס האָסטו זיך פאַרטראַכט?‟ שפּעטער האָב איך איר וועגן דעם דערציילט. נאָר איצט זיינען מיר אַריין זען די קיך וואָס איז אויס־געבויט אין דער נייער געביידע, אין וועלכע די אַרבעטער עסן. מיר האָבן זיך באַנוצט מיט דער געלעגנהייט און געגעסן דאָרט אַ פיינעם מיטאָג — גאָרניט ענלעך צו די „מיטאָגן‟ דאָ, אין „יענע צייטן‟...

ניט ווייט פון דער טורמע איז געווען אַ קלענערע טורמע געביידע, וואו מען האָט געהאַלטן ציטוויליקע אַרעסטירטע, ביז זייער גורל איז ניט באַשלאָסן געוואָרן. אין דער תפיסה בין איך געזעסן אַ וואָך ביז מער האָט מיך אַריבער־געפירט אין דער שטענדיקער טורמע, וואו איך האָב געדאַרפט זיצן ביזן משפט. פון דאָרט בין איך אַרויס ציטווייליק, אויף געלט־פאַרזיכערונג, וואָס מיין ברודער מענדל האָט פאַר מיר אַריינגעטראָגן. איך האָב געדאַרפט זיך אומקערן לויט דער ערשטער פאָדערונג. נאָר איך בין געשיקט געוואָרן אויף אומלעגאַלער

אַרבעט אין קאָוועל און זיך ניט אומגעקערט ניט צו דער ערשטער און ניט צו דער צענטער פאָדערונג...

אינם בריסק פון אַמאָל...

...אָט דאָ, ניט ווייט פון „ריאַד" קראָמען, איז געווען אַ גאַלאַנטעריי־געשעפט, וואו איך האָב ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין עלטער פון 11־12 יאָר, אָנגעהויבן פאַרזוכן די ערשטע פאַרדינסטן, אַלס שיק־אינגל...

...אָט דאָ ערגעץ, ניט ווייט פון מוכאַוועץ, איז געווען אַ קליינער זייף־זאַוואָד, אויף וועלכן ס'איז אויסגעקומען זייער שווער צו אַרבעטן...

...אָט דאָ אויף דער דאָלגע גאַס, אויף דער אַנדערער זייט איבערן שאָסיי, איז געווען די אַרבעטער קיך, וואו עס זיינען פאָרגעקומען אומלעגאַלע פּראָפּאַראַיין און פּאַרטיי־פאַרזאַמלונגען. דאָ איז אויך געווען די אָוונט־שול פאַר יונגע אַרבעטער, וואָס איך האָב באַזוכט, באַקומען אַלגעמיינע אָנפאַנג־בילדונג...

...אָט ערגעץ דאָ איז געווען די פּאָליציי־געביידע, די „דעפּענסיווע", וואו מען האָט געשלאָגן, געפּאָדערט זאָלסט אַרויסגעבן חברים, און צוליב דעם אָפּזאָג אויסגעהאַקט אַ פּאָר ציין...

מאָלע וועלכע געדאַנקען עס זיינען אַרויפגעשוואומען...

ווען אַ מענטש באַזוכט אויף דער עלטער זיין געבורט־שטאָט, דערמאַנט זי אים געוויס אַ סך פון זיין קינדהייט. נאָר מיר דאַכט זיך, אַז בריסק רירט מערער, טיפער ווי אַנדערע שטעט. אפשר איז דאָס פאַרבונדן ניט אַזוי מיט פּערזענלעכע איבערלעבונגען, נאָר מיט דער טראַגישער און העלדישער פאַר־גאַנגענהייט פון דער שטאָט גופא.

אַביסל בריסקער געשיכטע

אין יאָר 1969 האָט בריסק געפּייערט איר 950־יאָריקן יובילײ. פאַר די ניין און האַלב יאָרהונדערטער איז זי שטענדיק געווען אויפן וועג פון מלחמות, וועלכע האָבן איר רואינירט, פאַרברענט. נאָכדעם ווי אין מיטלאַלטער, אין 13טן יאָרהונדערט, זיינען טאָטערן אָנגעפאַלן אויף דער בריסקער געגנט, איז די שטאָט געוואָרן אַזוי פאַרוויסט, אַז ווי עס זאָגט זיך אין דער רוסישער געשיכטע (לעטאָפּיס), „האָט דער פירשט (קניאַז) דאַניאיל ראָמאַנאָוויטש ניט געקאָנט ווייטער פאָרן צוליבן שלעכטן ריח פון זייער פיל געהרגעטע"... נאָר בריסק האָט זיך ווידער געשטעלט אויף די פיס, האָט אויפגעלעבט.

שפּעטער זיינען אַוועק מלחמות צווישן די רוסן און ליטווינער און פּאָליאַקן פאַר בריסק, וועלכע איז געווען אַ טויער פון און אין רוסלאַנד. אין 14טן יאָרהונדערט איז בריסק פאַרכאַפּט געוואָרן פון ליטע און פון דעמאָלט אָן זיך שוין גערופן „בריסק־דליטע". פיר הונדערט יאָר שפּעטער איז בריסק ווידער פאַרכאַפּט געוואָרן פון די רוסן. די צאַרן און קייסאָרים האָבן זיך געשלאָגן און אומגעקומען זיינען מענטשן, די שטאָט...

אין דער צווייטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט האָט בריסק איבער־געלעבט צוויי גרויסע שרפות (סרעיפּעס) און שפּעטער נאָך צוויי. אין דער

ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די דייטשן האָבן אין יאָר 1915 זיך דערנענטערט צו בריסק, איז באַפוילן געוואָרן דער באַפעלקערונג אין משך פון דריי טעג פאַרלאָזן די שטאָט. מען האָט געמיינט, אַז די צאַרישע אַרמיי גרייט זיך אויסצונוצן דעם קרעפּאָסט (פעסטונג) כדי צו פאַרהאַלטן דאָ דעם שונא. נאָר די רוסישע אַרמיי איז אָפּגעטראָטן און האָט אונטערגעצונדן די שטאָט.

דער בריסקער שלום

די איינוואוינער, וועלכע האָבן שפּעטער, ווען די דייטשן האָבן די שטאָט פאַרנומען, זיך אומגעקערט קיין בריסק, זיינען פון די דייטשן ווידער אַרויסגעטריבן געוואָרן — ווידער געוואָרן הימלאָזע.

ווען מיר האָבן אין 1918 זיך אומגעקערט קיין בריסק, זיינען אַ סך גאַסן געווען אָפּגעווישט. די אידן, וואָס האָבן ניט געהאַט וואו צו וואוינען, האָבן זיך געוואַלגערט אין די געבליבענע בתי מדרשים, אויף די בענק פון די בולוואַרן...

אין בריסק זיינען פאַרצייכנט געוואָרן היסטאָרישע געשעענישן. אין יאָר 1918 איז דאָ, אין „ווייסן פּאַלאַץ" פון דער בריסקער פעסטונג, געשלאָסן געוואָרן דער שלום־אָפּמאַך צווישן דער נאָר־וואָס געשאַפענער סאָוועטן־רוסלאַנד און דעם קייזערלעכן דייטשלאַנד, וואָס האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט דאָס יונגע סאָוועטן־לאַנד זיך שטעלן אַביסל אויף די פיס.

עס קומען די דרייסיקער יאָרן. די קאַפּיטאַליסטישע וועלט שטויסט דאָס פאַשיסטישע דייטשלאַנד, קעגן דעם סאָוועטישן לאַנד. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד, זייענדיק איזאָלירט, ניט קאָנענדיק אויסרעכענען אויף עמעצנס הילף, איז געצוואונגען געווען אָנצונעמען אייגענע מיטלען, און איינע פון זיי איז געווען — אָפּרוקן די סאָוועטישע גרענעץ ווייטער אויף מערב און טרעפן די מלחמה, אויב זי וועט קומען, ווייטער פון די סאָוועטישע לעבנס־צענטערן, פאַרהאַלטן דאָרט דעם שונא. בריסק ווערט אַ גרענעץ צווישן צוויי וועלטן...

העלדישער ווידערשטאַנד קעגן די נאַציס

ניט לאַנג, בלויז עפּעס העכער פון אַנדערהאַלבן יאָר האָט בריסק, אַ באַפרייטע פון פויליש־פּריצישן יאָך, פריי געאָטעמט. זי האָט נאָך ניט באַוויזן ווי געהעריק אַריינוואַקסן אין נייעם סאָוועטישן לעבן, און... פיר אַזייגער באַגינען, דעם 22טן יוני 1941, פאַלן אויף איר די ערשטע קלעפּ. עס פאַלן די ערשטע גרענעץ־וועכטער, און די ציווילע באַפעלקערונג — בריסקער אידן. עס קומט דער ערשטער וואונדערלעכער סאָוועטישער ווידערשטאַנד: „שטיין ביז טויט!" די ערשטע אַנטוישונג פון דער „אומבאַזיגבאַרער" היטלעריסטישער אַרמיי אין דער צווייטער וועלט־מלחמה...

יעדע שטאָט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט גאַסן, וואָס טראָגן נעמען פון רעוואָלוציאָנערן, פון מלחמה־העלדן. נאָר אַזויפיל ווי בריסק האָט, איז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד ניטאָ קיין סך שטעט. די בריסקער גאַסן האָבן פאַראייביקט נעמען פון אירע פאַרטיידיקער, וועלכע האָבן די ערשטע באַגעגנט דעם נאַצישן שונא. דאָ, אויף דער בריסקער ערד, אין יאָר 1941, האָבן סאָלדאַטן און אָפיצערן פון העכער דרייסיק נאַציאָנאַליטעטן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, מיט

זייער לעבן די ערשטע פאַרטיידיקט זייער היימלאַנד; דאָ, אין בריסק, האָט אין יולי 1944 זיך פאַרענדיקט דאָס באַפרייען סאָוועטן־לאַנד פון די נאַצי־אַרמייען.

דער שונא האָט ניט געוואָלט אָוועקגיין פון אַזאַ סטראַטעגיש־וויכטיקן פונקט, געוואָלט זיך פאַרהאַלטן ביים צוג. ווידער פאַרביטערטע שלאַכטן און ווידער העלדנטאַטן...

צווישן די פילצאָליקע דענקמאָלן און אָבעליסקן, אויף וועלכע עס זיינען אָנגעשריבן די נעמען פון „העלדיש געפאַלענע אין די שלאַכטן פאַר ערע, פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט פון אונזער היימלאַנד", זעט מען אַזעלכע ווי: פריידמאַן, טראַכטענבערג, טאַרנאָפּאָלסקי און אַנדערע מער־ווייניק קענטיקע אידישע נעמען.

און מענטשן פאָרן און פאָרן איצט אין דער העלדן־שטאָט אויפן בוג. מען פאָרט בויגן די קעפּ פאַר די קברים פון די העלדן. בלומען ווערן כסדר געלייגט אויף די ברודער־קברים און מאָנומענטן, וואו עס רוען די פאַרטיידיקער און באַפרייער פון בריסק.

אין דער בריסקער פעסטונג

פאַרשטייט זיך, אַז זייענדיק אין בריסק, האָב איך ניט געקאָנט ניט זיין אין דער פעסטונג. בריסק איז איצט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אַ שטאָט, וואוהין עס פאָרן מאַסן טוריסטן. העכער פיר מיליאָן סאָוועטישע און אויסלענדישע געסט פון העכער הונדערט לענדער האָבן שוין באַזוכט בריסק. מען פאָרט זען די בריסקער פעסטונג, וואָס פאַרנעמט איינע פון די ערשטע ערטער אין דער העלדישער פאַרטיידיקונג פון די סאָוועטישע פעלקער קעגן דער היטלערישער אַרמיי.

די בריסקער פעסטונג איז ביי מיר אויך פאַרבונדן מיט דעראינערונגען פון מיין יוגנט. אין פאַרשיידענע אָפיציעלע יום־טובים פלעגן פון דאָרטן קומען אין שטאָט מיליטערישע פאַראַדן מיט אָרקעסטערס. איינער אַזעלכער איז פאַרבליבן אין זכרון. דאָס איז געווען אין יאָר 1913, ווען אין רוסלאַנד האָט מען געפייערט דעם 300־יאָריקן יובילײ פון דער צאַרישער דינאַסטיע ראָמאַנאָוו. דעמאָלט איז דער פאַראַד געווען אַ גראַנדיעזער. מיט אַ יאָר שפּעטער איז אין דער פעסטונג געשען עפּעס אַ גרויסער אומגליק — אין משך פון צוויי טעג האָבן דאָרטן כסדר אויפגעריסן האַרמאַטן־קוילן. עס זיינען אומגעקומען אַ סך ציווילע מענטשן, וואָס האָבן דאָרט געאַרבעט. מען האָט דערציילט, אַז שטיקער פון מענטשלעכע קערפּערס זיינען פון די אויפרייסן געפלויגן אין דער לופטן און געפאַלן אויף די בוימער אין שטאָט... די הייזער האָבן זיך געטרייסלט און שויבן זיינען געפאַלן פון די פענצטער. אין יאָר 1920, ווען די רויטע אַרמיי האָט באַפרייט בריסק (בשעת דעם מאַרש אויף וואַרשע), האָט מען פריי געלאָזט באַזוכן אייניקע געביידעס פון דער פעסטונג. איך בין דעמאָלט געווען אין דעם „ווייסן פּאַלאַץ", אין וועלכן עס איז אין יאָר 1918 אונטערגעשריבן געוואָרן דער שלום־אָפּמאַך צווישן דייטשלאַנד און סאָוועטן־רוסלאַנד.

געבראָכן היטלערס „בליץ־קריג"

און אָט זײַנען מיר ווידער אויף דער טעריטאָריע פון דער געוועזענער פעסטונג. מיר האָבן פאַר זיך רואינעס און רואינעס. פאַרן באַזוכן אַלע טיילן פון דער פעסטונג, גייען מיר אַרײַן אין מוזיי, וואו פאַר דער עקסקורסיע ווײַזט מען אַ קורצן קינאָ־פילם, וואָס דערציילט ווי די רויטע אַרמיי און די ציווילע מענטשן, וואָס האָבן דאָרט געוואוינט, האָבן העכער ווי אַ חודש, ביזן לעצטן מענטשן, פאַרטיידיקט די סאָוועטישע גרענעץ, אָפּגעצויגן אויף זיך אַ גרויסע צאָל דײַטשישע מיליטער און שוין גלייך פון ערשטן טאָג פון דער מלחמה געבראָכן דעם היטלערישן „בליץ־קריג" פּלאַן.

די בריסקער פעסטונג איז אויסגעבויט געוואָרן אין דער ערשטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט. צו יענער צייט איז דאָס געווען אַ פעסטונג. נאָר מיטן גאַנג פון די יאָרן, מיטן דערפינדן מעכטיקע האַרמאַטן און אַנדערע מיליטערישע טעכניק, האָט זי פאַרלאָרן איר באַדײַטונג אַלס פעסטונג. די ערשטע וועלט־מלחמה האָבן באַוויזן, אַז די בעלגישע און פראַנצויזישע פעס־טונגען האָבן ניט געקאָנט פאַרהאַלטן און אָפּשטעלן דעם דײַטשישן אָנגריף. אין יאָר 1915, ווען די דײַטשישע אַרמיי איז צוגעגאַנגען צו בריסק, כאָטש די גאַנצע שטאָטישע באַפעלקערונג איז אין משך פון דריי טעג אַרויסגעטריבן געוואָרן, האָט די צאַרישע אַרמיי ניט געגעבן קיין ווידערשטאַנד, פאַרלאָזן די פעסטונג און אונטערגעצונדן די שטאָט.

העכער 20 יאָר איז בריסק געווען אַ טייל פון פריצישן פוילן. נאָכדעם ווי אין יאָר 1939 איז מערב־ווײַסרוסלאַנד (און בריסק) באַפרייט געוואָרן און פאַראייניקט צום סאָוועטן־פאַרבאַנד און אין בריסקער פעסטונג איז געקומען סאָוועטיש מיליטער, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די פעסטונג איז אין נאָך אין ערגערן צושטאַנד ווי פריער. אין משך פון אַנדערהאַלבן יאָר זײַנען אָנגע־נומען געוואָרן מיטלען אויף פאַרשטאַרקן די אַלטע פעסטונג, נאָר צום אָנהויב פון דער מלחמה זײַנען זיי ווייט ניט געווען פאַרטיק. די דײַטשן האָבן וועגן דעם געוואוסט און האָבן פּלאַנירט „דורכגיין" די „אַזוי גערופענע פעסטונג". נאָר די ניט־צוגעגרייטקייט האָט ניט אָפּגעשטעלט די סאָלדאַטן העלדיש צו פאַרטיידיקן זייער סאָוועטיש פאָטערלאַנד.

ווען די נאַציס זײַנען אָנגעפאַלן

די דײַטשן האָבן זיך גוט צוגעגרייט צום אָנפאַל אויף דער פעסטונג. אַ טאָג פאַר דעם איבערפאַל, דעם 21טן יוני (1941) האָט מען אין בריסקער פעסטונג געכאַפּט דיווערסאַנטן (פאַרשווערער) איבערגעטאָענע אין רויט־אַרמיי־אישע קליידער. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין דער פעסטונג האָט זיך אַ גרויסע צאָל דיווערסאַנטן אײַנגעגעבן אַרײַנצודרינגען. אויף דער נאַכט צום 22טן יוני, האָבן זיי איבערגעשניטן די טעלעפאָן־ און עלעקטראָ־דראָטן און פאַרנומען סטראַטעגישע פּאָזיציעס אין פעסטונג אויף שיסן אָפּיצערן — די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער פאַרטיידיקונג. עס איז שוין ניט געווען קיין צייט ווי געהעריק צו באַגעגענען דעם שונא.

קעגן די דייטשישע עראָפּלאַנען, וועלכע האָבן געוואָרפן שווערע צוויי־טאָניקע באָמבעס און קעגן די דייטשישע טאַנקען און שווערע האַרמאַטן האָבן די פעסטונג־פאַרטיידיקער געהאַט בלויז ביקסן און פולעמיאָטן. ערטערווייז איז דאָס אויך געווען ניט גענוג פאַר אַלעמען. עס זיינען געמאַכט געוואָרן קאָנטער־אַטאַקעס און מען האָט ביי די דייטשן פאַרכאַפּט געווער.

די אַרומגעצוימטע פאַרטיידיקער פון דער פעסטונג, וועלכע האָט זיך געפונען ביי די ברעגן פון צוויי טייכן: מוכאַוועץ און בוג, האָבן געליטן ניט נאָר פון הונגער, נאָר שרעקלעך אויך געליטן פון דאָרשט. עס איז ניט געווען קיין וואַסער ניט צום טרינקען און ניט פאַר די פולעמיאָטן. דרייסטע סאָלדאַטן פלעגן ביינאַכט קריכן צום טייך נאָך וואַסער, נאָר די דייטשן האָבן געהיט און זייער ווייניק פון זיי האָבן זיך אומגעקערט מיט אַ טעפּעלע וואַסער. אין די קאַזעמאַטן־קעלערן האָט מען געפּרואווט גראָבן גריבלעך און אין אייניקע פון זיי האָט מען געקראָגן טראָפּנס שמוציקע וואַסער — אַ שעה אַ גלאָז. מען האָט פּרובירט וואָרפן אין טייך ליילעכער, מיט אַ שטריק אַריינציען און אויסקוועטשן פון זיי שמוציקע פייכטקייט.

עס איז שוין געווען פאַרנומען גאַנץ ווייסרוסלאַנד אַזוי ווייט ווי סמאָלענסק, נאָר די בריסקער פעסטונג האָט זיך נאָך געהאַלטן. מיט דער הילף פון פייער־וואַרפער (אָגניעמיאָטי) האָבן די דייטשן געשיקט אין די פעסטונג־קאַזעמאַטן פלאַמען פייער. פון דער היץ און פייער זיינען אפילו ציגל צע־שמאָלצן געוואָרן, די פעסטונג איז אָפּגעגאַנגען אין בלוט, נאָר זיך ניט אונטערגעגעבן. אין משך פון העכער אַ חודש, בייטאָג און ביינאַכט, האָט די שיסעריי אין פעסטונג ניט אויפגעהערט. ערגעץ־וואו זיינען נאָך געבליבן איינצלנע לעבעדיקע, נאָר זיי האָבן זיך געשלאָגן ביז דער לעצטער קויל, וועלכע זיי האָבן געלאָזט פאַר זיך. אויף די ווענט פון די קאַזעמאַטן האָט מען געפונען אויסגעקריצט: „איך שטאַרב, נאָר גיב זיך ניט אונטער", „זיי געזונט, היימלאַנד!"

לעגענדעס וועגן בריסק

אין די זייער שווערע טעג פון ערשטן חודש פון דער מלחמה, ווען די רויטע אַרמיי האָט געפירט ביטערע שלאַכטן, אָפּגעטראָטן און פאַרלאָזט איין שטאָט נאָך דער אַנדערער — שרייבט אין זיין בוך „ברעסטסקאַיאַ קרעפּאָסט" דער באַוווּסטער סאָוועטישער שרייבער סערגעי סמירנאָוו, — איז געבוירן געוואָרן אַ לעגענדע וועגן בריסקער פעסטונג. זי איז אַריבער פון מויל צו מויל און גיך איז די לעגענדע באַוווּסט געוואָרן אַלעמען אויפן טויזנט־קילאָמעטערדיקן פראָנט, פון באַלטישן ים ביזן שוואַרצן ים. די לעגענדע וועגן דער העלדישער פאַרטיידיקונג האָט געוועקט, געריהרט...

ווי אַזוי איז זי געבוירן געוואָרן? ווער האָט זי געבראַכט? האָט זיך עמעצן פון בריסק איינגעגעבן דורכרייסן זיך דורכן פראָנט, אָדער ווער פון די פּאַשיסטן, וואָס זיינען געפאַנגען געוואָרן, האָט דערציילט? מען האָט אויך געזאָגט, אַז די סאָוועטישע פליער, ווען זיי זיינען ביינאַכט געפלויגן באָמבאַרדירן די דייטשן, האָבן זיי געזען, אַז די בריסקער פעסטונג שלאָגט זיך נאָך...

דאָס זיינען געווען נאָר קלאַנגען. געווי האָט מען דעמאָלט גאָרניט געוואוסט. שפּעטער האָבן זיך די קלאַנגען אַלץ מער און מער באַשטעטיקט. און ערשט צום סוף 1943 און שפּעטער, פון ווייסרוסישע פּאַרטיזאַנען, פון די לעבן־געבליבענע פּרויען און קינדער פון די בריסקער סאָוועטישע אָפיצערן, וואָס זיינען געבליבן אויף דער אָקופּירטער טעריטאָריע, פון די פאַרוואונדעטע און געפאַנגענע פאַרטיידיקער פון דער פעסטונג, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט נאָך דער מלחמה, איז קלאָר געוואָרן די העלדישע געשיכטע פון פאַרטיידיקן די בריסקער פעסטונג.

ווען אין סוף יולי 1944 איז בריסק באַפרייט געוואָרן, זיינען אַלע געביידעס פון דער פעסטונג געלעגן אין רואינעס. נאָר פּלוצלונג האָבן די שטיינער, די ציגל אָנגעהויבן דערציילן. אין אַ סך ערטער אין די קאַזעמאַטן איז געווען אויסגעקריצט:

„מיר זיינען געווען פינף (אויסגערעכנט די נעמען). מיר האָבן די ערשטע אויפגענומען דעם שלאַכט דעם 22טן יוני 1941. מיר וועלן דאָ שטאַרבן, נאָר ניט אָפּטרעטן!"

„מיר זיינען געווען דריי. אונז איז געווען זייער שווער, נאָר מיר האָבן דעם מוט ניט פאַרלוירן און מיר וועלן דאָ שטאַרבן ווי העלדן. יולי 1941".

„מיר זיינען געווען 3 מאָסקווער און מיר האָבן אָנגעגעבן אַ שבועה: שטאַרבן, נאָר פון דאַנען וועלן מיר ניט אַוועקגיין. יולי 1941". און נאָך אַ סך אַזעלכע אויפשריפטן.

דער העלדישער קאָמיסאַר חיים פאָמין

צווישן די פאַרטיידיקער פון דער בריסקער פעסטונג זיינען געווען פאַרשטייער פון אַ סך סאָוועטישע פעלקער, צווישן זיי אויך פון אידישן פאָלק. איינער פון זיי, וועלכער, ווי מען זאָגט אין בריסקער פעסטונג־מוזיי, איז געווען די נשמה פון פאַרטיידיקונג, איז געווען דער באַוואוסטער פּאָליטישער קאָמיסאַר פון דער פעסטונג יעפים (חיים) מאָיסייעוויטש פאָמין. ער איז אַריין אין דער געשיכטע ווי אַ לעגענדאַרער העלד.

ווער איז ער? אין וואָס איז באַשטאַנען זיין העלדישקייט? וואָס איז מיט אים געשען? געבוירן איז חיים פאָמין געוואָרן אין יאָר 1909. אַ זון פון אַ שמידער און אַ שניידערין ערגעץ אין ווייסרוסלאַנד, לעבן וויטעבסק. צו זעקס יאָר איז ער געוואָרן אַ יתום און זיך דערצויגן ביי אַן אָרעמען קרוב. אין 1922 נעמט די סאָוועטן־מאַכט דעם 13 יאָריקן פאָמין אין אַ קינדער־היים, לערנט און דערציט אים. ער ענדיקט אַן אָנפאַנגס־שול און ווערט אַן אַרבעטער אויף אַ שוסטער־פאַבריק.

עטלעכע יאָר פאַר דער מלחמה ווערט ער געשיקט אויף פּאָליטישער אַרבעט אין דער אַרמיי. אין אָנהויב 1941 קומט ער קיין בריסק און דינט אין דער פעסטונג. צווישן די סאָלדאַטן און אָפיצערן איז ער געווען זייער באַליבט. אין זיין בוך „די בריסקער פעסטונג" שרייבט סערגאָי סמירנאָוו, אַז פאָמין „איז געווען אַ קאָמיסאַר אין סאַמע הויכן זין פון וואָרט, ווייזנדיק אַלעמען אַ ביישפּיל פון דרייסטקייט, מסירת נפשדיקייט און באַשיידנקייט".

ער האָט כמעט ניט געשלאָפן. ווי אַלע פאַרטיידיקער האָט ער געליטן פון הונגער און דאָרשט. אויב עס פלעגט זיך איינגעבן באַקומען וואַסער און שפּייז, האָט ער געגומען דערפון דער לעצטער. ווען די אויסשפּירער פלעגן ביי די טויטע דייטשישע סאָלדאַטן געפינען ברויט און אַנדערע שפּייזן און ברענגען דעם קאָמיסאַר, פלעגט ער, פאָמין, דאָס אַפּשיקן אין די קעלערן, וואו עס האָבן זיך געפונען קינדער, פרויען, פאַרוואונדעטע און פאַר זיך גאָרניט גענומען.

פאַררעטער גיט אויס אידישן קאָמיסאַר

לויטן באַפעל האָבן אַלע אָפיצערן זיך איבערגעטאָן אין פשוטע סאָל־דאַטן־קליידער, ווייל דער שונא, די סנייפּערס־דיווערסאַנטן האָבן נאָכגעשפּיאָ־נירט נאָך קאָמאַנדירן און זיי די ערשטע געשאָסן. און אין אַ סאָלדאַטיש העמדל, האָבן אַלע אין פעסטונג גלייך דערקענט דעם קאָמיסאַר פאָמין און צו אים זיך צוגעהערט. אין די סאַמע געפערלעכסטע ערטער פלעגט ער זיך באַווייזן און אַפּט דערמוטיקט די פאַרטיידיקער אין אַ קאָנטער־אַטאַקע.

ווען אין אַן אויסגעגראָבן גריבל אין אַ קעלער האָט אָנגעהויבן קומען עטוואָס וואַסער און אַלע האָבן געוואוסט, אַז דער קאָמיסאַר האָט שוין צוויי טעג קיין טראָפּן וואַסער אין מויל ניט געהאַט, האָבן זיי די ערשטע פאַרציע וואַסער געבראַכט אים, נאָר ער האָט דאָס וואַסער ניט גענומען. „טראָגט דאָס אָפּ די פאַרוואונדעטע", האָט ער באַפוילן. זייענדיק פאַרוואונדעט אין האַנט, איז ער אַראָפּ אין קעלער־שפּיטאָל. ווען דער סאַניטאַר, לאָזנדיק פאַרוואונדעטע סאָלדאַטן, האָט געוואָלט באַדינען פריער דעם קאָמיסאַר, האָט פאָמין באַפוילן מ'זאָל צום ערשטן באַדינען די סאָלדאַטן, און דערנאָך אים, ווען עס וועט דערגיין זיין ריי. דאָס אַלץ דערציילט מען וועגן אים ביים אָפּשילדערן וואָס פאַר אַ מענטש ער איז געווען.

צום סוף יוני האָט זיך די היטלערישע דיווערסאַנטן איינגעגעבן אויפ־רייסן דעם טייל געביידע, וואו עס האָט זיך געפונען דער קאָמיסאַר פאָמין. די מערסטע וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען זיינען פאַרניכטעט און פאַרשאָטן געוואָרן מיט שטיקער ציגל פון די ווענט. די וואָס זיינען לעבן געבליבן און לייכט פאַרוואונדעט, האָבן די דייטשן אַרויסגעשלעפּט און געפאַנגען. צווישן זיי איז אויך געווען פאָמין.

אונטער אַ שטרענגער וואַך האָט מען אַלע געפאַנגענע צוגעפירט צום בעלמער טויער פון דער פעסטונג. דאָרט האָט מען זיי באַזוכט, נאָר קיין דאָקומענטן ניט געפונען, ווייל לויטן באַפעל פון פאָמינען האָבן אַלע אָפיצערן אַליין פריער פאַרניכטעט זייערע דאָקומענטן. פאָמין און אַנדערע אָפיצערן זיינען געווען אָנגעטאָן, אָפּגעריסן און באַוואַקסן ווי אַלע אַנדערע. און די סאָלדאַטן האָבן געהאָפט, אַז די דייטשן וועלן אים ניט דערקענען און זיי וועט זיך איינגעבן ראַטעווען זיין לעבן.

נאָר צווישן די געפאַנגענע האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ פאַררעטער — אַ געוועזענער סערזשאַנט פון דער פוילישער אַרמיי. ער האָט אויך פריער געוואָלט אַריבערלויפן צום שונא, נאָר ער האָט מורא געהאַט פאַרן קאָמיסאַר,

פאַר די סאָוועטישע סאָלדאַטן. אַט איצט האָט ער זיך געווענדעט צום דייטשישן אָפיצער:

— הער אָפיצער, אַט דער מענטש, איז ניט קיין סאָלדאַט. ער איז אַ קאָמיסאַר, אַ גרויסער קאָמיסאַר. ער האָט אונז געהייסן שלאָגן זיך ביז צום סוף און ניט אַריבערגיין אין געפאַנגענשאַפט.

פאַררעטער קריגט זיין שטראָף

און דער קאָמיסאַר חיים פאָמין איז אַרומגערינגלט געוואָרן מיט אַ שטרענגער וואַך, צוגעפירט געוואָרן צו דער פעסטונג־וואַנט ביים כעלמער טויער און דאָרט דערשאָסן געוואָרן. ער האָט אויפגעהויבן די האַנט און געפּרואווט עפּעס זאָגן די סאָלדאַטן, נאָר די שיסעריי האָט פאַרטויבט זיין קול און ער איז געפאַלן אַ טויטער.

די איבעריקע געפאַנגענע האָט מען אויף דער נאַכט פאַרשלאָסן אין אַ שפּייכלער. ווען אויף מאָרגן אינדערפרי האָט מען באַפוילן די געפאַנגענע אַרויסגיין, האָט די דייטשישע וואַך פעסטגעשטעלט, אַז עס פעלט איין געפאַנ־גענער: אין אַ פינצטערן ווינקל אין שפּייכלער איז געלעגן אַ טויטער, אַ דער־שטיקטער, דער, וואָס האָט פאַרראַטן און אַרויסגעגעבן דעם שונא דעם באַליבטן קאָמיסאַר יעפים פאָמין.

איצט הענגט ביים כעלמער טויער פון פעסטונג אַ מאַרמאָר מעמאָריאַל־ברעטל, אויף וועלכן עס איז אָנגעשריבן, אַז דאָ האָבן די נאַציס דערשאָסן דעם קאָמיסאַר פון בריסקער פעסטונג יעפים מאַיסייעוויטש פאָמין. גרופּן טוריסטן שטעלן זיך דאָ אָפּ און הערן די דערציילונגען פון „גאַיד”.

אין איינעם פון די צימערן פון מוזיי אין בריסקער פעסטונג, פאַרנעמט אַ גרויס אָרט די סקולפּטור פון חיים פאָמין, בילדער און פאַרשיידענע דאָקו־מענטן וועגן זיין טעטיקייט ביים אָנפירן מיט דער פאַרטיידיקונג פון דער פעסטונג.

ניט נאָר די פעסטונג־פאַרטיידיקער האָבן אָבער פאַרהאַלטן די דייטשישע אַרמיי דאָ העכער אַ חודש. אפילו פאַרנעמען די ניט גרויסע, ניט באַוואָפנטע שטאָט בריסק, איז אויך די נאַציס ניט אַזוי גרינג אָנגעקומען.

דעם 22טן יוני 1941

אַ גאַנצן טאָג האָבן די דייטשן ניט געקאָנט פאַרנעמען די קליינע געווינלעכע געביידע אויף פּושקין גאַס, אין וועלכער עס האָט זיך געפונען דער מיליטער־קאָמיסאַריאַט. בלויז מיט דער הילף פון שווערע האַרמאַטן און באָמבעס פון עראָפּלאַנען, האָבן זיי אויף מאָרגן פאַרכאַפּט די חורבות פון דער געביידע, אונטער וועלכער עס זיינען געבליבן ליגן די געפאַלענע העלדן־פאַרטיידיקער, נאָר זיך ניט אונטערגעגעבן דעם שונא. ניט ביליג האָבן די דייטשן פאַר דעם „זיג” באַצאָלט.

מיט גרויסע שוועריקייטן האָבן די דייטשן פאַרנומען די געביידע פון דעם זייער וויכטיקן בריסקער אייזנבאַן־וואָקזאַל.

אַ גרופּע פון 80־90 סאָלדאַטן און עטלעכע אָפיצערן, ניט פאַרבונדענע

איינער מיטן אַנדערן, כמעט ניט־באַוואָפנטע, זיינען געוועזן צופעליקע פאַרביי־פאָרער דורך בריסק. דאָ האָט זיי די מלחמה געטראָפן אויפן וואָקזאַל, דעם 21טן־22טן יוני. באַגינען איז דער וואָקזאַל מיטאַמאָל אָנגעפּאַקט געוואָרן מיט טויזנטער ציווילע מענטשן — מענער, פרויען און קינדער, וואָס האָבן זיך געריסן אַרויסצופאָרן, אַנטלויפן פון בריסק. עס האָט זיך איינגעגעבן אָפּשיקן דריי ניט קיין גרויסע באַנען מיט ניט קיין סך פּאַסאַזשירן.

אויפן וואָקזאַל האָבן די סאָלדאַטן געפונען אַביסל לייכטע געווער, ווי עס איז זיך באַוואָפנט און פאַרנומען אַ פאַרטיידיקונגס־ליניע אַרום וואָקזאַל. אינגיכן האָט צום וואָקזאַל זיך דערנענטערט אַ קאָלאָנע פון עטלעכע צענדליק דייטשישע מאָטאָציקליסטן מיט אויטאָמאַט־ביקסן. זיי זיינען באַגעגנט געוואָרן מיט אַן אָרגאַניזירטן פייער און פאַרניכטעט געוואָרן.

שפּעטער האָט שוין דעם וואָקזאַל אָנגעגריפן אַ קאָלאָנע פון דייטשישע פאַנצער־מאַשינען און די פאַרטיידיקער האָבן זיך אַריינגעקליבן אין דער געביידע פון וואָקזאַל, וועלכע איז געווען פול מיט ציווילע מענטשן.

די שלאַכט פון בריסקער וואָקזאַל

דער שונא האָט אָנגעהויבן באַשיסן דעם וואָקזאַל, און די ערשטע טויטע און פאַרוואונדעטע זיינען געווען הויפּטזעכלעך פרויען און קינדער. אונטער די צוויי גרויסע וואָקזאַל־געביידעס געפינען זיך אַ סך קעלערן. אַהין האָבן זיך אַריינגעקליבן די צוויי טויזנט ציווילע. שפּעטער האָבן זיך אַהין אויך אַריינ־געקליבן די סאָלדאַטן־פאַרטיידיקער. די זייטיקע מענטשן, וואָס האָבן אָנגעפּאַקט די קעלערן, האָבן געשטערט אָרגאַניזירן די פאַרטיידיקונג. אַזוי ווי די פענצטער פון די קעלערן געפינען זיך אויף איין הויך מיט דער ערד, האָבן די דייטשן גאַנץ לייכט אַהין אַריינגעוואָרפן האַנט־גראַנאַטן, און דערפון זיינען געווען טויטע און פאַרוואונדעטע. עס איז ניט געווען ניט קיין מעדיקאַמענטן און ניט קיין שפּיז פאַר אַזויפיל מענטשן, און עס איז באַפוילן געוואָרן אַלע ציווילע צו פאַרלאָזן די קעלערן. אויף מאָרגן, דעם 23טן יוני, זיינען אין די קעלערן געבליבן נאָר פאַרטיידיקער, וועלכע האָבן געשאָסן דירעקט פון די פענצטער און ניט געלאָזט איינאָרדענען די טעטיקייט פון דער אייזנבאַן־ליניע.

ניט איינמאָל האָבן די דייטשן געפּרוווט פאַרמאַכן די פענצטער און די קעלערן מיט אייזנס און קלעצער. זייער ווענדונג צו די פאַרטיידיקער זיי זאָלן זיך אונטערגעבן ווייל — ווי זיי האָבן געזאָגט — „די רויטע אַרמיי האָט אָוועקגעלייגט דאָס געווער און גיט שוין ניט קיין ווידערשטאַנד", האָט ניט געהאָלפן. די פאַרטיידיקער האָבן געהערט די שיסערייען, וואָס קומען פאָר אין דער פעסטונג און זיי האָבן אויך באַשלאָסן ניט אָוועקלייגן דאָס געווער. זיי האָבן געהאָפט, אַז אָט־אָט וועלן „אונזערע" קומען צוהילף און זיי באַפרייען.

אויפן פינפטן טאָג האָבן די דייטשן געלאָזט גאַז אין די קעלערן. נאָר די פאַרטיידיקער האָבן געפונען אַ מיטל ווי אַרויסלאָזן דעם גאַז, אָפּשוואַכן זיין ווירקונג. אומגעקומען זיינען ניט קיין סך, און דער ווידערשטאַנד איז פאַר־געזעצט געוואָרן.

זיך דורכגעריסן דורכן שונא

אין צען טעג אַרום, ווען עס איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן דער דריטער אולטימאַטום וועגן אונטערגעבן זיך, האָבן די דייטשן, אין משך פון צוויי טעג פּאַרפּלייצט די קעלערן מיט וואַסער און דערנאָך מיט פאַרשיידענע אומרייניקייטן... ווייטער דאָ פאַרבלייבן איז פיזיש געוואָרן אוממעגלעך. צווישן די עטלעכע צענדליק לעבן־געבליבענע זיינען געשוואומען געשוואָלענע טויטע. און דאָ איז באַשלאָסן געוואָרן דורכרייסן זיך.

צווישן די פאַרטיידיקער האָט זיך געפונען אַ וואָקזאַל־אַרבעטער. ער האָט געוואוסט ווי מען קאָן, דורך אַ לאַבירינט פון קעלערן, אַריבערקלייבן זיך אין אַן אַנדער טייל וואָקזאַל־קעלערן און אַרויסקלייבן זיך אין גאָר אַן אַנדער זייט. עס איז אויסגעקומען שווימען אין די פאַרפּלייצטע מיט שמוץ קאַמערן, און אין אַ ווינקל אונטער דער סטעליע האָט זיך געפונען ערגעץ אַ ניט פאַרגאַסענער ווינקל, דורך וועלכן מען האָט זיך דערקליבן צום אַרויסגאַנג.

אַזוי האָבן עטלעכע און צוואַנציק פּשוטע סאָוועטישע מענטשן, נאָך צוויי וואָכן העלדישער פאַרטיידיקונג, שרעקלעך אָפּגעשוואַכטע, איינזיקע פאַרוואונדעטע, געפונען אַ שוואַכן אָרט אין שונא׳ס בלאָקירונג, און מיט אַ געשריי „אורא!״ און שיסעריי, זיך דורכגעריסן אין אַ וועלדל הינטער בריסק. אין דערפאַל, אויפן וועג צום שטעטל זשאַבינקע, האָבן די פּויערים זיי געגעבן ציווילע קליידער און זיי האָבן זיך צעזייט איבער די וועלדער. אַ סך פון זיי האָבן שפּעטער אָנטייל גענומען אין דער פאַרטיזאַנער־באַוועגונג.

אַזוי האָט אַ הייפעלע פאַרטיידיקער, אין אַ סך ערגערע באַדינגונגען ווי אין פעסטונג, באַוויזן אויסערגעוויינלעכע העלדישקייט. צוזאַמען מיט נאָך אַ סך הייפעלעך פאַרטיידיקער און פאַרשיידענע גרענעץ וועכטער, און אַנדערע, האָבן זיי געצוואונגען די דייטשישע גענעראַלן צו פאַרטראַכטן זיך וועגן גורל פון „בליץ קריג״.

די דייטשן וועגן בריסק

אין מערץ 1942 איז ביי דער שטאָט אָריאָל צעשלאָגן געוואָרן די 45־טע דיוויזיע און ס׳איז פאַרכאַפּט געוואָרן דער אַרכיוו פונעם שטאַב. אין איינעם פון די שטאַב־דאָקומענטן איז געווען געשריבן וועגן די שלאַכטן ביי בריסק — אַז „די סאָוועטישע סאָלדאַטן האָבן אין ברעסט־ליטאָווסק זיך געשלאָגן אויסשליסלעך שטאַרק. זיי האָבן באַוויזן, אַז זייער אינפאַנטעריע־מיליטער איז אויסגעצייכנט צוגעגרייט און פאַרמאָגט אַ וואונדערבאַרן ווילן צו אַ ווידערשטאַנד״.

אַ דייטשישער גענעראַל האָט אין זיין טאָג־בוך פאַרשריבן: „דאָרט, אין בריסק, האָבן מיר זיך שוין באַקענט מיט דעם, וואָס עס הייסט שלאָגן זיך אויף רוסיש״.

אין טאָג־בוך פון באַוואוסטן היטלערישן שפּיאָן און דיווערסאַנט אָטאָ סקאָרצעני, וועלכער האָט די מלחמה באַגעגנט ביי בריסק, האָט זיך געזאָגט:

„דער רוסישער גאַרניזאָן פון דער פעסטונג האָט אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט געקעמפט ביז דער לעצטער קויל, ביזן לעצטן מענטשן... די רוסן

האָבן אָפּגעוואָרפן אַלע אונזערע פאָרשלאָגן פון קאַפּיטולאַציע. עטלעכע אונזערע פּרואוון צוצוגנבענען צו דער פעסטונג און פאַרכאַפּן זי, זיינען דורכגעפאַלן. די טויטע סאָלדאַטן אין גרינע מונדירן (דייטשן), וואָס האָבן אָנגעפילט די פלעצער אַרום דער פעסטונג, האָבן דאָס גוט באַשטעטיקט״...

„דאָס זעלבע איז געווען אין דער געגנט פון בריסקער וואָקזאַל. דאָרטן האָט דאָס מיליטער פון שונא זיך פאַרפעסטיקט אין די טיפע קעלערן און זיך אָפּגעזאָגט אונטערגעבן זיך. אויף וויפל קיין אַנדערע מיטלען אויף פאַרנעמען דעם וואָקזאַל האָט ניט געהאָלפן, איז אויסגעקומען פאַרפלייצן די קעלער מיט וואַסער״...

די העלדישקייט פון בריסק האָט לאַנג און אומעטום באַוועגט די נאַציס צו טראַכטן וועגן דעם. דער סאָוועטישער געפאַנגענער אַרטיוכאָוו, זייענדיק אין קאָנצלאַגער בוכענוואַלד, האָט דאָרט אין אַ קאַרצער געזען אויסגעקריצט אַן אויפשריפט: „דו זאָגסט ליגן, פריץ! דו וועסט אונז ניט איינברעכן — מיר זיינען פון בריסקער פעסטונג!״

דער דענקמאָל

איצט קומט פאָר אין בריסקער פעסטונג אַ גרויסע בויאונג. מען בויט אַ מעמאָריאַל־קאָמפּלעקס. לויטן פּראָיעקט וועט דער הויפּט־טויער (אַריינגאַנג) אין פעסטונג זיין פון דער שאָסיי גאַס, איצט מאָסקאָווסקאַיאַ. די אַלייע וועט פירן צו אַ מאָנומענט: אַ סאָלדאַט, פאָרן הינטערגרונט פון אַן אָפענער פאָן. אויף מאַרמאָרנע אָבעליסקן וועלן זיין אויסגעקריצט די נעמען פון די העלדישע בריסקער פאַרטיידיקער. אַ ספּעציעלע קאָמפּאָזיציע „דאָרשט״ וועט דערציילן וועגן די ליידן פון דאָרשט, די טרוימען וועגן אַ טראָפּן וואַסער... עס וועט רעסטאַוורירט ווערן דאָס אָרט, פון וואַנען דער קאָמיסאַר חיים פאָמין האָט אָנגעפירט מיטן פאַרטיידיקן די פעסטונג.

בעת מען האָט געגראָבן, ביים בויען דעם מעמאָריאַל, האָט מען געפונען רעשטלעך פון העכער צוויי הונדערט מענטשן — פעסטונג־פאַרטיידיקער. מען געפינט אויך פאַרשיידענע ביקסן און פיסטאָלעטן אַן קוילן; ביז דער לעצטער קויל האָבן זיך די פאַרטיידיקער געשלאָגן.

מען מוז דאָ זיין פאָרזיכטיק ביים בויען אויך צוליב דעם, ווייל די בויער האָבן זיך פלוצלונג, אויף אַ טיפעניש פון צוויי מעטער, אָנגעשטויסן אויף אַ גרויסן סקלאַד מיט האַרמאַטן־קוילן. העכער טויזנט קוילן האָבן די סאָוועטישע סאָלדאַטן־סאַפּיאָרן זייער פאָרזיכטיק שוין אַרויסגעגראָבן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז אַ דייטשישער האַרמאַטן סקלאַד פון דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. העכער 50 יאָר זיינען די נאָך איצט זייער געפערלעכע האַרמאַטן־קוילן געלעגן און געוואַרט עמעצער זאָל זיי אַ טשעפּע טאָן... דאָס האָט געקאָנט ברענגען דעם אומגליקלעכן בריסק נאָך אַ גאָר גרויסן אומגליק...

די בויער שטויסן זיך אָן אויף פאַרמויערטע רויטע פאָנען פון די מיליטער־טיילן פון בריסקער פעסטונג־גאַרניזאָן, באַהאַלטענע — זיי זאָלן ניט

אַריינפאַלן אין די הענט פון שונא. און ווידער קומט מען אויף שפּורן פון געפאַלענע פאַרטיידיקער.

פון העכער זיבן טויזנט מענטשן פעסטונג־פאַרטיידיקער, וועלכע האָבן זיך געשלאָגן „אויף טויט", זיינען לעבן געבליבן ביי דריי הונדערט. פאַר־וואונדעטע, האַלב־לעבעדיקע זיינען זיי אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט. אַ סך פון זיי האָט זיך איינגעגעבן אַנטלויפן פון די לאַגערן און זיי האָבן געענדיקט די מלחמה אין די פאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען און מיט דער רויטער אַרמיי אַוועק אין דייטשלאַנד. אַלע זיינען זיי נאָך דער מלחמה געקומען קיין בריסק. גרויע, אָפּגעשוואַכטע, קאַליעקעס, האָבן זיי זיך דערקענט, אַרומגענומען, גע־וויינט, געשטעלט זיך אויף די קני און געקושט די פאַרברענטע, צעברעקלטע פעסטונג־ווענט...

איינציקע בילדער פון די באַגעגענישן ווייזט מען אין קינאָ אין בריסקער פעסטונג־מוזיי. מיט שטאָלץ קוקט מען אויף די העלדן־פאַרטיידיקער. נאָר עס איז זייער שווער איינצוהאַלטן די טרערן... ווען עס ענדיקט זיך דער פילם, ווישן כמעט אַלע מיט טיכלעך די אויגן...

געזעגענונג מיט בריסק

פיר טעג האָב איך פאַרבראַכט אין בריסק. און אַט איז געקומען די צייט ווידער צו געזעגענען זיך מיט מיין געבורט־שטאָט. ווידער האָבן זיך אויפגעוועקט געפילן פון בענקשאַפט נאָך היימישע, נאָך דער אַמאָליקער בריס־קער היימישקייט, געפילן, וועלכע איך האָב איבערגעלעבט מיט צענדליקער יאָרן צוריק, ווען איך האָב פאַרלאָזט מיין היים...

מיט אַ ספּעציעלן טוריסטישן אויטאָבוס פאָרן מיר פון בריסק קיין מינסק. זעקס שעה רייזע. דער וועג ליגט דורך באַקאַנטע ערטער: זשאַבינקע, קאָברין, בעריאָזע, באַראַנאָוויטש. אין דער זייט בלייבט די ווייסרוסישע שטאָט פּינסק. און ווידער — אַ רייזע איבער די וועגן פון מיין יוגנט. דער געדאַנק וועקט אויף בילדער פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט...

ס'איז דאָס יאָר 1915. ווי אַלע בריסקער, האָט אונזער פאַמיליע אויך פאַרלאָזט די שטאָט. מיר זיינען געקומען צו קרובים קיין פּינסק. אינגיכן האָבן די דייטשן פאַרנומען אויך פּינסק וואו דער פראָנט האָט זיך סטאַביליזירט. די דייטשן האָבן פאַרדעכטיקט, אַז צווישן די געקומענע פון אַנדערע שטעט געפינען זיך „רוסישע שפּיאָנען" און האָבן אַ סך פון זיי אַרעסטירט און אַרויס־געשיקט אין הינטערלאַנד. צווישן די „שפּיאָנען" איז אויך אַריינגעפאַלן מיין ברודער שיע. צוזאַמען מיט אַ גרויסער גרופּע אַזעלכע, איז ער אָפּגעריסן געוואָרן פון אונזער פאַמיליע, און אונטער אַ שטרענגע וואַך, אַרומגערינגלט פון מיליטער־רייטער, פאַר די אויגן פון טאַטע־מאַמע, ברידער און דער שוועסטער, אָפּגעפירט געוואָרן ווער־ווייסט וואו. לאַנג האָט זיך געהערט די קולות און געוויינען פון די עלטערן און קרובים פון די אַרעסטירטע. אין עטלעכע חדשים אַרום, האָט זיך מיין ברודער, אויך ווי איינציקע אַנדערע, איינ־געגעבן אַנטלויפן פון דער דייטשישער געפאַנגענשאַפט און אומלעגאַל זיך

אומגעקערט קיין פּינסק. נאָר אין אַ פּאָר טעג אַרום נאָך זיין צוריקקומען האָבן די דייטשן אונזער פֿאַמיליע אַרויסגעשיקט פֿון פּינסק קיין קאָברין. מיר האָבן ווידער פֿאַרלוירן שיען. ער איז געבליבן אין פּינסק ביי קרובים.

באַקאַנטשאַפֿט מיט דייטשן...

דאָס איז געווען מיין ערשטע באַקאַנטשאַפֿט מיט דייטשישע אָקופּאַנטן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה.

מ׳האָט אונז אַריינגעטריבן אין קאָברין. פֿון וואָס לעבט מען? איך מיטן טאַטן און דער שוועסטער, אַמאָל אויך די מאַמע, האָבן געאַרבעט אַלס לאַנד־אַרבעטער ביי רייכע פּויערים און געטאָן אַנדערע שווערע אַרבעטן. עטלעכע מאָל האָבן די דייטשן אונז גענומען אויף „צוואַנג אַרבעט". אין אַ קורצער צייט אַרום בין איך קראַנק געוואָרן אויף פֿלעק־טיפֿוס. לאַנג געקרענקט. און אָט גיי איך דאָס ערשטע מאָל, נאָך אַ קראַנקער, אַרויס אויף דער גאַס, אויפֿן הויף, אויף דער זון און פֿרישע לופֿט. באַלד לויפֿט דורך אונזער הויף איינער אַ מאַן, און אין אַ מינוט־צוויי אַרום באַווייזן זיך עטלעכע דייטשן. זיי ווענדן זיך צו מיר מיט אַ געשריי: „וואוהין איז דער מאַן?" און אַזוי ווי איך האָב זיי אַזוי גיך ניט געענטפֿערט, האָבן זיי מיר מיט אַ שטעקן און בייטשן מערדערלעך געשלאָגן און געזידלט „פֿאַרפֿלוכטע יודע". ווען די מאַמע איז אויף מיין געשריי אַרויסגעלאָפֿן, האָבן זיי אויך איר אַ קלאַפּ געטאָן.

דאָס איז געווען מיין צווייטע באַקאַנטשאַפֿט מיט די דייטשן...

אונזער סאָוועטישער אויטאָבוס האָט פֿאַרלאָזט קאָברין און טראָגט זיך קיין מינסק, אָבער מיינע געדאַנקען קערן מיך ווידער אום קיין בריסק. ס׳איז דאָס יאָר 1920. די רויטע אַרמיי טרעט אָפּ פֿון בריסק. איך און מיין ברודער שיע, צוזאַמען מיט אַ גרויסער גרופּע אַרבעטער פֿאַרלאָזן אויך בריסק, זייענדיק גרייט איינצושליסן זיך אין די רייען פֿון דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי, כדי מיט געווער אין די הענט קעמפֿן פֿאַר פֿרייהייט און גערעכטיקייט.

אין די הענט פֿון באַנדיטן

נאָר אונזערע טרוימען זיינען דעמאָלט ניט פֿאַרווירקלעכט געוואָרן. מיר זיינען אָפּגעטראָטן ביז פּינסק, און דאָ האָט די אָנגרייפֿנדיקע פּוילישע אַרמיי מיט דער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער בולאַק־באַלאַכאָוויטש באַנדע איבערגע־שניטן אונז דעם וועג קיין רוסלאַנד.

אין פּינסק הויבן זיך אָן רויבערייען, פּאָגראָמען. מיר וואוינען ביי קרובים. דער ברודער שיע האָט אויף דער נאַכט זיך אויסבאַהאַלטן ניט וויט אין אַ שפּיטאָל. דער באַלעבאָס, מיין פֿעטער, ווען עס האָבן זיך ביינאַכט דער־הערט געוואַלדן, האָט זיך אויך באַהאַלטן — אין אַ שפּייכלער אויפֿן הויף, און מיר, אַ 17־18 יאָריקן בחור, געלאָזן מיט דער באַלעבאָסטע מיט צוויי קליינע קינדערלעך זיי צו היטן.

און פֿון דרויסן טראָגן זיך געוויינען, געוואַלדן, עס הערט זיך אַ שיסעריי. און אָט קלאַפּט מען ביי אונז אין טיר. מען פֿאָדערט עפֿענען. איך ליג אין בעט אונטער אַ קאָלדרע מיט די קינדערלעך פֿון ביידע זייטן. די מומע עפֿנט די

טיר. עס גייען אַריין עטלעכע באַנדיטן מיט אַן אָפיצער. זיי ראַבירן ניט. זיי זוכן „באָלשעוויקעס”. „ווער איז דער?” ווייזן זיי אויף מיר. „דאָס איז מיין עלטערער אינגעלע” — זאָגט די מומע. זיי צווינגען מיר זיך אויפהויבן און אָנטאָן זיך. „וואו ווילט איר אים נעמען?” — האָט די מומע געפרעגט. „מיר וויסן וואָס פאַר אַ „אינגעלע” ער איז! — האָט דער אָפיצער געזאָגט, — מיר וועלן אים ניט וויט פירן. אָט דאָ, אויפן הויף, וועלן מיר אים דערשיסן”. די מומע האָט זיך צעוויינט, געפאַלן צו די פיס פון אָפיצער און געשריגן: „האָט רחמנות אויף מיר און אויף מיינע קינדער. ער איז בלויז 15 יאָר אַלט, ער איז ניט קיין באָלשעוויק. מיין מאַן איז ערגעץ אויף דער מלחמה. ער איז דער איינציקער וואָס שפּייזט אונז, ער אַרבעט זייער שווער. האָט רחמנות!”

נאָר די באַנדיטן ווילן איר ניט הערן. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז זיי זיינען זייער „הומאַניטאַרע מענטשן”. דער אָפיצער זאָגט מיין מומען, אַז ווען ניט די קליינע קינדער, וואָלט ער מיר דאָ אין שטוב געשאָסן, נאָר צוליב זיי וועט ער דאָס טאָן אויפן גאַס. און שטייענדיק פאַר מיר מיטן רעוואָלווער אין האַנט, פאַדערט ער איך זאָל זיך גיכער אָנטאָן, ווייל זיי האָבן נאָך „אַ סך אַרבעט”.

פאַרוואָס מ'האָט מיר ניט געשאָסן

זייער און זייער פאַמעלעך טו איך זיך אָן... אין קאָפּ איז איין געדאַנק: אמת, וואָס פאַר אַ באָלשעוויק בין איך? איך האָב נאָך גאָרניט באַוויזן עפּעס וואָס צו טאָן אויף קעמפן קעגן אָט אַזעלכע באַנדיטן, קעמפן פאַר פרייהייט פון פאָלק. איך האָב געטרוימט אויסוואַקסן אַזעלכער ווי מיין ברודער פּסח. זייער אַ שאָד אַזוי גיך אָוועקצוגיין פון לעבן... אין די געדאַנקען זיינען די עלטערן, טאַטע־מאַמע און ווידער פּסח. וואָס טוט מען? איך וועל פּרובירן אויפן גאַס אַנטלויפן, כאָטש איך וויים, אַז עס וועט ניט העלפן.

איך איַל זיך ניט מיטן אָנטאָן. איך קען ניט פאַרבינדן די שנירלעך פון די שיך. די הענט ציטערן. די באַנדיטן אײַלן מיר: „מען דאַרף ניט פאַרבינדן די שיך, מיר וועלן וויט ניט גיין” און גיבן מיר דערביי אַ זעץ מיטן פויסט איבערן קאָפּ. זיי צווינגען מיר זיך אויפהויבן. „מיר האָבן קיין צייט ניט. וויניק היינט געשאָסן”. איך הויב זיך אויף און גיי. די מומע וויינט, נעמט מיך אַרום. די באַנדיטן רייסן מיר אָפּ פון איר. מיר גייען אַרויס פון שלאָף־צימער. דער קאָפּ דרייט זיך מיר. עס ווערט מיר ניט גוט. איך זע גאָרניט. מיר גייען דורך דעם צווייטן צימער, און איך פאַרליר די כוחות... איך עפן אויף די אויגן. איך ליג אויף דער פאַדלאָגע אויפן קיך, באַגאָסן מיט וואַסער און די מומע מיט די קינדער זיצן לעבן מיר און וויינען.

וואָס איז געשען? ווייזט זיך אַרויס, אַז ווען מען האָט מיך געפירט דורכן קיך־צימער אויפן גאַס, בין איך אין קיך געפאַלן. זיי האָבן מיר דאָ גלייך געוואָלט שיסן. נאָר איינער פון די באַנדיטן, אַ סאַניטאַר, האָט זיך איינגעבויגן צו מיר, צוגעהערט זיך צו מיין האַרצן, געגומען מיר פאַר דער האַנט און געזאָגט: „מיט דעם איז שוין געענדיקט. אַ שאָד אויסגעבן אַ קויל אויף אים” — און זיי זיינען אַוועק, — אַזוי האָט מיר די מומע דערציילט.

ווען איך בין געקומען צו זיך, זיך אויפגעהויבן און באַדאַנקט דער מומען, האָב איך ווידער דערהערט אַ שיסעריי, קולות און געוויינען אויף דער גאַס. איך האָב זיך געפילט זייער אָפּגעשוואַכט, קוים געגאַנגען, נאָר איך האָב באַשלאָסן אַוועק צום שפּיטאָל, אַריבערקריכן איבערן פּאַרקאַן, אויב עס וועט זיך מיר איינגעבן און באַהאַלטן זיך דאָרט אין קעלער וואו מיין ברודער שיע און אַנדערע באַקאַנטע געפינען זיך. איך האָב ניט געוואָלט וואַרטן, אַז די אַדער אַנדערע באַנדיטן זאָלן ווידער קומען. ווען איך האָב דאָס געזאָגט דער מומען, האָט זי אָנגעהויבן וויינען און ניט געלאָזט מיר אַוועקגיין.

— פאַרוואָס? איר ווילט דאָך ניט, אַז מען זאָל מיר שיסן!

— און דו ווילסט דאָך אויך ניט, אַז מען זאָל מיר מיט די קינדער שיסן?

איך ראַטעווע זיך

ווען איך האָב פאָרט געפּרואווט אַוועקגיין, האָט זי מיר פאַרהאַלטן און דערציילט, אַז דער אָפיצער־באַנדיט האָט איר געוואָרנט, אַז זיי וועלן זיך אומקערן צוריק און אויב זיי וועלן מיר דאָ ניט געפינען, וועלן זיי שיסן איינע פון אירע קינדער...

וואָס טוט מען? אַוועקגיין און צוליב מיר וועט מען טויטן אַן אומשולדיק קינד? זיצן און וואַרטן מען זאָל קומען מיר שיסן? איך בין גרייט אָפּגעבן מיין לעבן, אָבער איך האָב דאָך גאָרניט, גאָרניט געטאָן אויפן וועג פון אַ רעוואָלוציאָנער. איך בין דאָך „זיי״ נאָך מיט גאָרניט שולדיק! וואָס טוט מען?... און אפשר וועלן זיי ניט קומען — צו וואָס אַנטלויפן? און אויב יע? וואַרטן באַוואוסטזיניק מען זאָל דיר שיסן?... וואָס טוט מען?

און די קולות און געשרייען אויף דער גאַס הערן ניט אויף. איך וואַרט, שפּריץ אַרום אין צימער הין און צוריק. די נערוון זיינען צעשרויפט... מינוטן ציען זיך ווי שעהן. ביסלעכווייז ווערט אויף דער גאַס שטילער. ווי עס זעט אויס, זיינען די באַנדיטן אַוועק אויף אַנדערע, ווייטערע גאַסן. און דאָ קאָן איך שוין מער ניט אויסהאַלטן. איך באַרואיק דער מומען און ניט קוקנדיק אויף אירע געוויינען, לויף איך אַרויס. און דאָ, אויף אונזער הויף שטויס איך זיך אָן אויף אַ טויטן; עס ליגט דערשאָסן אַ באַקאַנטער בחור, וועלכער האָט געוואוינט אין דער צווייטער דירה פון דעם הויז. דאָס האָט מיר נאָך מער אונטערגעיאָגט צו לויפן. איך ווייס ניט פון וואַנען איך האָב גענומען כוחות, נאָר איך בין אַריבער איבערן פאַרקאַן פון שפּיטאָל, אַריינגעלאָפן אין קעלער און איינגעגראָבן זיך דאָרט אינעם שטרוי, וואָס איז דאָרט געלעגן. דער ברודער שיע און אַנדערע האָבן מיך אַרומגערינגלט און געוואָלט וויסן וואָס עס הערט זיך „דאָרטן״? איך האָב זיי גאָרניט געקאָנט זאָגן. ווען איך האָב זיך אַביסל באַרואיקט, האָב איך זיי דערציילט וואָס מיט מיר איז געשען און ווי איך בין אַנטלאָפן, שטעלנדיק אין אַ טויט־געפאַר דער מומען מיט אירע קינדער.

וואָס טוט מען איצט? אַלע האָבן געשוויגן. קיינער האָט קיין עצה מיר ניט געקאָנט געבן. מען האָט מיך באַרואיקט, אַז איך בין מיט גאָרניט שולדיק. איז עס אמת, דאָס ווייס איך. אַנדערש וואָלט איך ניט אַוועקגעלאָפן. נאָר איך האָב דאָך געראַטעוועט מיין לעבן אויפן רעכענונג פון זייערע לעבנס...

ווי ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן האָבן די באַנדיטן צו דער מומען זיך ניט אומגעקערט. דער שכן האָט דערציילט, אַז ווען זיי האָבן אַרויסגעפירט דעם בחור שיסן, האָט דער אָפיצער געזאָגט: „אין דעם הויז האָבן מיר שוין איין באָלשעוויק פאַרטיק געמאַכט און דער, אין יענער דירה, האָט זיך אַליין געענדיקט. לאָמיר גיין ווייטער". דער טויט פון אַ חבר האָט געראַטעוועט מיר און מיין מומען מיט אירע קינדער...

געקומען אַ לעבעדיקער אַהיים

אין אַ פּאָר טעג אַרום, ווען אין שטאָט האָט זיך אַביסל איינגעשטעלט די אָרדענונג, האָבן מיר, עטלעכע גרופּעס בריסקער אַרבעטער זיך צונויפגעקליבן און געלאָזט זיך צוריק קיין בריסק. לאַנג זיינען מיר געגאַנגען באַמיענדיק זיך אויסמיידן שטעטלעך און דערפער און ווען איך בין געקומען אַהיים, האָבן מיר די עלטערן באַגעגנט מיט פרייד און טרערן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פון די וואָס האָבן זיך אומגעקערט פריער פאַר מיר, האָבן די עלטערן זיך דערוואוסט, אַז „מען האָט קאַפּלען געפירט שיסן", און מיין פאַרשפּעטיקונג ביים אומקערן זיך האָבן זיי אויסגעטייטשט, אַז מען האָט מיר ניט נאָר געפירט, נאָר...

מיינע פּינסקער איבערלעבונגען האָבן מיר דעמאָלט געזאָגט, אַז מען דאַרף אַקטיווער אַריין אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. מען דאַרף זיך אָפּרעכענען מיט די פּאָלקס-אונטערדריקער, מען דאַרף עפּעס טאָן אַזוינס, כדי עס זאָל זיין פּאַרוואָס, אויב עס וועט אויסקומען, אָפּגעבן דאָס לעבן...

דאָס אַלץ קומט מיר אויפן געדאַנק זיצנדיק אין טוריסטן-אויטאָבוס, וואָס פירט אונז פון בריסק קיין מינסק. אָט איז בעריאָזא-קאַרטוזסקאַיאַ (קאַרטוז-בערעזע). דאָ האָט פּילסודסקי-פּוילן אָרגאַניזירט דעם ערשטן קאָנצענטראַציע-לאַגער פאַר קאָמוניסטן. אָט איז באַראַנאָוויטש, סטאָלבצי און פּאָגאָרעלאָיע — געוועזענע גרענעץ-שטעט צווישן אָקופּירטן פון די פּאָליאַקן מערב-ווייסרוסלאַנד און דער ווייסרוסישער סאָוועטן רעפּובליק. דורך די ערטער האָט מען מיר אין 1922 אַריבערגעפירט פון פּוילן אומלעגאַל קיין סאָוועטן-פאַרבאַנד. איך דערקען ניט די שטעטלעך. דאָס זיינען נייע, גרויסע, שיינע שטעט.

און אָט זיינען די געדיכטע ווייסרוסישע וועלדער, וואו עס האָבן זיך געפונען די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנישע אַרמייען, וועלכע האָבן געפירט בלוטיקע קאַמפן קעגן די נאַצישער מערדער אין די זייער שווערע מלחמה-יאָרן. אַקטיוו האָבן אָנטייל גענומען אין דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג אַ סך אידן פון בריסק, מינסק, פון פּוילן — צווישן וועלכע עס האָט זיך געפונען אונזער אַלעמענס באַוואוסטער הערשל סמאָליאַר. נאָר וועגן דעם — אַן אַנדערש מאָל.

און אָט איז מינסק — מיין ערשטע סאָוועטישע שטאָט, אין וועלכער איך האָב געוואוינט און געלערנט זיך אין אידישן פּעדאַגאָגישן טעכניקום קאַרגע דריי יאָר. ווידער זכרונות, דערמאָנונגען, דעראינערונגען...

רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט אין דעם אַמאָליקן פּילסודסקי-פּוילן

אין מיין ערשטער סאָוועטישער שטאָט, מינסק, בין איך געקומען אין

סעפּטעמבער 1922, — געקומען פון אונטערערדישער אַרבעט אין מערב־ווייס־רוסלאַנד, אין בריסק. פאָרן קיין סאָוועטן־רוסלאַנד האָבן געוואָלט אַ סך בריסקער אידישע אַרבעטער, נאָר קיין פרייע פאַרבינדונג צווישן פּריצישן פּוילן מיטן באָלשעוויסטישן לאַנד איז ניט געווען. עס איז אָרגאַניזירט געווען אַן אומלעגאַלע טראַנספּאָרטירונג פון פּוילן קיין רוסלאַנד, פון מענטשן, וואָס זיינען אין זייער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט „דורכגעפאַלן". און אָט, מיט 48 יאָר שפּעטער, פירט מיך דער אויטאָבוס פון בריסק קיין מינסק, דורך באַראַנאָוויטש — איבער די געגנטן פון דער דעמאָלטיקער אומלעגאַלער פאַרבינדונג, אין 1922. און ווידער זכרונות, דעראינערונגען... עס דערמאָנט זיך באַראַנאָוויטש מיט די אַרומיקע געוועזענע גרענעץ־דערפער און וועלדער.

ווי איך האָב שוין פריער דערציילט, נאָכן ציטוויילִיקן באַפרייט ווערן פון דער בריסקער טורמע ביזן משפט, אין אַפּריל 1922, אויף אַ געלט־גאַראַנטיע, וואָס מיין ברודער מענדל האָט פאַר מיר אַריינגעטראָגן, בין איך געשיקט געוואָרן אויף אומלעגאַלער אַרבעט אין דער שטאָט קאָוועל. דאָרט האָבן געוואוינט אונזערע קרובים און מיר איז גרינגער געווען צו איינאָרדענען זיך.

באַקומענדיק די געהעריקע פאַרבינדונג, בין איך אין מאַי 1922 געקומען קיין קאָוועל, געאַרבעט אין אַ שניידער־ווערקשטאָט און אָנטייל גענומען אין אויפשטעלן דעם שניידער־פאַראיין און די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע.

העכער דריי חדשים האָב איך דאָרטן געאַרבעט. פאַר דער צייט האָבן מיינע עלטערן אין בריסק באַקומען פאָדערונגען פון דער פּאָליציי איך זאָל זיך מעלדן. אויב ניט, וועט די געלט־גאַראַנטיע פאַרהאַלטן ווערן און זיי, די עלטערן, וועלן נאָך באַשטראָפט ווערן. זיי האָבן געמיינט, אַז אויב איך וועל קומען, וועל איך אפשר קאָנען זיין פריי, ניט פאַרמשפּט ווערן. וואָס זאָל מען טאָן? מעלדן זיך? אויב מען וועט מיר אפילו ניט פאַרמשפּטן, ניט אַריינזעצן אין טורמע, — וואָס דאָס איז אויסגעשלאָסן, — וועל איך, אַ קאָמפּראָמיטירטער, ניט קאָנען שוין אָנטיילנעמען אין דער אונטערערדישער אַרבעט. די פּאַרטיי־אָנפירונג האָט מיר פאַרבאָטן דאָס צו טאָן און איך האָב פאַרגעזעצט מיין אַרבעט אין קאָוועל.

אַ שפּיאָן „שמעקט" אַריין...

איינמאָל איז אין אונזער שניידעריי אַריינגעקומען אַ פּאַציענט. ער האָט זיך צוגעקוקט צו די אַרבעטער, געפרעגט ביים באַלעבאָס וויפל עס קאָסט אויפנייער אַ קאָסטיום, נאָר קיין אַרבעט ניט געגעבן.

איך האָב דעם פאַרשוין גלייך דערקענט: אַ מיטאַרבעטער פון דער בריסקער פּאָליציי. ווי נאָר ער איז אַוועק, האָב איך דערציילט מיינע חברים ווער דער „זאַקאַזטשיק" איז, און — בין אַוועק פון דער אַרבעט. דעם באַלעבאָס האָב איך געזאָגט, אַז איך פיל זיך ניט גוט, דער קאָפּ טוט מיר וויי און איך וועל זיך אַביסל דורכגיין. דעם זעלבן אָוונט בין איך אָפּגעפאָרן קיין וואַרשע, וואו מען האָט באַשלאָסן אַריבערשיקן מיר קיין רוסלאַנד. ווי עס האָט זיך

אַרויסגעוויזן, איז דער „פּאַציענט" אויף מאָרגן ווידער געקומען צום באַלעבאָס, זיך אַרומגעקוקט און געפרעגט וויפל אַרבעטער עס אַרבעטן ביי אים.

— פינף אַרבעטער.

— נאָר דאָ זע איך נאָר פיר, וואו איז דער פינפטער?

— ער האָט נעכטן זיך געפילט עפּעס ניט גוט, און אַ קראַנקער אַוועק אַהיים.

ער האָט זיך דערוואוסט וואו איך האָב געוואוינט, און איז געקומען מיר זוכן. מיינע קרובים האָבן געזאָגט, אַז איך בין אָפּגעפאָרן קיין בריסק.

צום באַדויערן, האָב איך שוין קיין בריסק, אפילו געזעגענען זיך מיט מיינע עלטערן, מיט מיין שוועסטער און אינגערן ברודער, ניט געקאָנט קומען און פון וואַרשע אַרויסגעפאָרן אין אַ באַשטימט אָרט קיין באַראַנאָוויטש, וואו אויף מיר האָט שוין געוואַרט אַ חבר, וועלכער האָט געדאַרפט מיר אַריבערפירן „אַהין" — קיין רוסלאַנד.

פון באַראַנאָוויטש האָט מיר דער חבר, אויף אַ פוּיערישן וואָגן, געפירט איבער די וועלדער און דערפער, נעענטער צו דער סאָוועטישער גרענעץ. אויפן וועג גיט ער מיר איבער אַן אַנדערן, יענער — צו אַ דריטן חבר, און אָט איז דער לעצטער גרענעץ־דאָרף. ער פירט מיך אַריין אין אַ שפּייכלער מיט פרישע היי, וואו איך דאַרף זיצן ביז דער נאַכט. צו זיך אין הויז האָט ער מיר ניט געקאָנט נעמען, ווייל ביי אים וואוינען פוילישע סאָלדאַטן פון דער גרענעץ־וואַך.

איך בלאָנדזשע אין וואַלד

ס'איז שוין שפּעט ביינאַכט. עס קומט דער חבר. דורך גערטנער פאַרלאָזן מיר דעם דאָרף און פאַלן אַריין אין אַ געדיכטן וואַלד. ער האָט מיר געדאַרפט אַרויספירן אויף דער סאָוועטישער טעריטאָריע און איבערגעבן גרענעץ־וואַך. נאָר פּלוצלונג אין דער פינצטער, האָט זיך עפּעס דערהערט אַ גערויש. מיר האָבן זיך באַהאַלטן הינטער אַ בוים. מיין באַגלייטער האָט זיך דערשראָקן און מיר געזאָגט:

— וואַרט דאָ אונטער אַביסל, און דערנאָך גיי אַהין, אין דער ריכטונג — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, זיך מיט מיר געזעגנט, און אײדער איך האָב באַוויזן אפילו זאָגן עפּעס, אויספרעגן, איז ער שוין ניט געווען...

ס'איז אינמיטן נאַכט. אין וואַלד איז פינצטער און קאַלטלעך (סעפּטעמבער חודש). איך, אַ 20־יאָריקער, ווייניק דערפאַרענער בחור, געפין זיך אַליין צווישן צוויי וועלטן. וואָס זאָל מען טאָן? מען דאַרף גיין. איך וואַרט אַביסל, און הויב אָן פאַרזיכטיק גיין „אין יענער ריכטונג". נאָר קיין „ריכטונג" צווישן די געדיכטע ביימער זעט זיך ניט. עס הערן זיך טריט. איך זיץ אונטער אַ בוים. עס דערנענטערן זיך מענטשן. ווער איז דאָס? שוין רוסישע, אָדער פּאָליאַקן? זיי שטעלן זיך אָפּ ניט ווייט פון מיר און עס הערט זיך אַ שטילער פוילישער לשון. אַ מינוט צען זיינען זיי דאָ געשטאַנען און ווייטער אַוועק. הייסט דאָס, אַז איך בין נאָך אין פּוילן.

וואוהין גייט מען? וואו איז די ריכטונג „אַהין״? אינגיכן וועט אָנהויבן טאָגן און מען דאַרף וואָס גיכער פון דאַנען אַוועקגיין. איך גיי. צי איז דאָס „וויטער״? אפשר דריי איך זיך אין וואַלד וואו ערגעץ וואו ביי דער גרענעץ אויף איין אָרט? ווען איך וואָלט געווען אַ דאַרף־אינגל וואָלט איך זיך אין וואַלד אָריענטירט. נאָר קיין ברירה האָב איך ניט, און איך גיי אין „יענער״ ריכטונג, פון אינערלעכן געפיל...

עס ווערט ליכטיק. איך גיי אַרויס פון געדיכטן וואַלד אויף אַ דאַרף־וועג. עס זעען זיך דאָרפישע כאַטקעס. וועמענס זיינען זיי? איך האַלט זיך פון זיי פונוויטנס... עס דעריאָגט מיר אַ פויער אויף אַ וואָגן. פאַרשטייט זיך, אַז ער דערקענט מיך גלייך פון וואַנען איך גיי. אויף מיין פראַגע צי עס איז וויט צו דעם און דעם שטעטעלע, זאָגט ער, אַז דאָס איז אַ צען מייל פון דאַנען און אַז ער פאָרט אויך אַהין. ער לייגט מיר פאָר זעצן זיך אויפן וואָגן.

איך ווער „געכאַפּט״

הייסט דאָס, אויב ער נאַרט ניט אָפּ, בין איך שוין אין סאָוועטן־רוסלאַנד. איך בין ניט זיכער, נאָר וואָס קאָן איך טאָן? דער פויער פרעגט מיר אויס וועגן לעבן אין פוילן, קוקט אויף מיר מיט אומצוטרוי, און... פירט מיך אַריין אין דער מיליטערישער סאָוועטישער גרענעץ־אָפּטיילונג, וואו ער זאָגט, אַז ער האָט מיר „פאַרהאַלטן אויף דער גרענעץ״. איך בין, פאַרשטייט זיך, זייער צופרידן דערפון, וואָס ער האָט מיך „פאַרהאַלטן״.

מען האָט מיר פאַרגעלייגט זיך אָפּרוען, אויסשלאָפן זיך, געגעבן עסן, און, לויט מיין ביטע, אָפּגעפירט קיין מינסק אין רשות פון דער ווייסרוסישער צענטראַלער פאַרטיי־אָנפירונג. דאָרט האָט דעמאָלט געאַרבעט יאַקאָוו ביקין, וועלכער האָט אין 1919־1920 אָנגעפירט מיט דער אונטערערדישער אַרבעט אין בריסק און געוואוסט וועגן קאַפּלען — דעם אינגערן ברודער פון די נאָוויקס (פּסח און שיע) און איצטיקער אַקטיווער אונטערערדישער אַרבעטער.

מיין טרוים איז פאַרווירקלעכט געוואָרן. דאָס וואָס עס האָט זיך מיר ניט איינגעגעבן מיט צוויי יאָר פריער, אין 1920, ווען איך מיט מיין ברודער שיע זיינען מיט דער רויטער אַרמיי אָפּגעטראָטן פון בריסק קיין פּינסק, האָב איך איצט דערגרייכט. ווי אין חלום זע איך אויף די גאַסן, אויף די הייזער הענגען רויטע פאַנען, קיינער שטערט ניט דורכפירן אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען און גרויסע יום־טובדיקע פאָלקס דעמאָנסטראַציעס, געווידמעט דעם פינפטן יובילײ פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

ווי אַ פאַרשיכורטער פון גליק גיי איך איבער די גאַסן פון מינסק — פון באַפרייטן לאַנד. די מענטשן דאָ — ניט נאָר פרייען זיי זיך, זיי היטן אָפּ די פרייהייט. איך שליס זיך אויך איין אין דעם. גלייכצייטיק מיטן לערנען אין מינסקער אידישן פּעדאַגאָגישן טעכניקום, נעם איך אָנטייל אין די „טשאָן״ (אָפּטיילונגען פון אַ באַזונדער באַדייטונג — „טשאַסטי אָסאָבאָוואַ נאַזנאַטשע־ניאַ״), וועלכער האָט אין קאַמף מיט פאַרשיידענע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע, באַנדיטישע עלעמענטן, געהאָלפן, מיט געווער אין די הענט, אָפּהיטן די דעראָבערונגען פון דער פאָלקס־רעוואָלוציע.

יע, גוט, איך בין אין אַ לאַנד וואו דאָס האַרעפּאַשנע פאָלק איז ביי דער מאַכט. נאָר וואָס טוט זיך אין מיין בריסק, אין פּריצישן פּוילן, אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט בכלל? מען דאַרף דאָך קעמפן, אַז אויך דאָרטן, אין מיין היים, זאָל דער אַרבעטער קלאַס ווערן דער באַלעבאָס פון זיין לאַנד!

ס'איז שוין זומער־האַרבסט 1923. אין דייטשלאַנד פאַרשטאַרקט זיך די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג. אין אינדוסטריעלן רור־געביט ווערן שוין געשאַפן באַוואָפנטע רויט־גוואַרדייאישע אַרבעטער־אָפּטיילונגען. אין דער שפּיץ פון דעם רעוואָלוציאָנערן אויפברויז שטייט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, אונטער דער אָנפירונג פון קאַרל ראַדעק און קלאַראַ צעטקין. אָט־אָט ווערט דערוואַרט אַ פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד...

ווי איניקע אַנדערע, טרעט איך פרייוויליק אַריין אין דער רויטער אַרמיי, וועלכע איז גרייט צו העלפן דעם דייטשישן אַרבעטער־קלאַס. אונזער מיליטער־אָפּטיילונג ווערט צוגעצויגן נעענטער צו דער פּוילישער גרענעץ. מיר זיינען גרייט. נאָר אין דייטשלאַנד איז די לאַגע צו אַ רעוואָלוציע ניט דער־גאַנגען. אונזער מיליטער אָפּטיילונג ציט זיך אָפּ פון דער פּוילישער גרענעץ, און איך קער זיך אום צוריק אין מינסק אין פּעדאַגאָגישן טעכניקום, אין וועלכן איך האָב קאַרגע דריי יאָר געלערנט.

וואָס איז בריסק?

פון פ. נאָוויק

בריסק... נעוווסקע... די בירזשע... דער קייסער־סאַד... די ליפּאָוואַ אַלייע... די בולוואַרן... דער בוטשעוויניק... דער טייך...

עס איז גענוג צו דערמאָנען די ווערטער, אַז פאַר אונזערע אויגן זאָל זיך אויפהויבן אַ שטראָם בילדער פון אונזער יוגנט, פון די ערשטע יאָרן אין אונזער געבורט־שטאָט.

אַלץ איינס וויפל מיר זאָלן זיך ניט האָבן „אויסגעמענטשלט", אַלץ איינס וויפל יאָרן און צענדליקער יאָרן מיר זאָלן שוין ניט האָבן פאַרבראַכט ערגעץ אַנדערש, האָבן די ווערטער פאַר אונז נאָך אַלץ אַ ספּעציעלע באַדייטונג.

פונקט ווי ערגעץ צווישן די צעלן פון אונזער האַרצן, וואו עס געפינען זיך און ווערן געבוירן אונזערע געפילן (אויב מען מעג זיך אויסדריקן אַזוי ניט־וויסנשאַפטלעך) געפינט זיך אַ ספּעציעלע צעל, וואו די יוגנט־יאָרן אונזערע זיינען פאַרבאָרגן. אַ בריסקער צעל, אַזוי צו זאָגן. אַן אייביקע צעל.

דאָס וועט אפשר דערקלערן דעם סוד, פאַרוואָס מענטשן, וועלכע האָבן „אייביקע יאָרן" אָפּגעוואוינט ערגעץ אַנדערש, ווייט פון בריסק, זאָלן נאָך אַלץ האָבן אַן אינטערעס פאַר אַ שטאָט ערגעץ אויף טויזנטער מיילן ווייט, וואו זיי האָבן פאַרבראַכט בלויז אַ קליינעם טייל, דעם קלענסטן טייל, פון זייער לעבן.

אַ געבורט־שטאָט איז ניט קיין שפּילכעלע. דאָס איז דער יחוס־בריוו אונזערער. דאָס איז דער אָנהויב פון אונזער לעבן. ווען מען ווילט זיך עס האָבן אַ לעבן אָן אַן אָנהויב?

* * *

וואָס־זשע איז בריסק?

דער אמת איז, אַז בריסק איז דאָס וואָס מיר ווילן עס זאָל זיין. די מערהייט לאַנדסלייט אין ניו יאָרק און אין גאַנץ אַמעריקע איז אַוועק פון בריסק פאַר דער מלחמה. ביי זיי אין די הערצער און אין די זכרונות לעבט נאָך יענע, די אָריגינעלע, די סאַמאָראָדנע, די „אמתע" בריסק. אַט טאַקע יענע שטאָט, וואו געוווסקע איז געווען דער צענטער, די בירזשע, וואו „באַרישנעס" האָבן גערעדט רוסיש (אַ שלעכטן), וואו מען האָט געכאַפּט נאַגאַיקעס פון אַגניעסאַוון, אָדער אַן אַנדער צאַרישן הונט, און וואו מען האָט אָפּגעהאַלטן פאַרזאַמלונגען אין „וועלדל", אָדער אויפגעהויבן די רויטע פאָן שפּעטער, אין 1905.

בריסק — מיט די עטלעכע און פערציק בתי מדרשים, מיט אַן איינגעבירגערטן משוגענעם אין יעדן איינעם פון זיי. בריסק — מיט די ערשטע ציוניסטישע פאַרזאַמלונגען. בריסק — מיט די ערשטע סכאָדקעס. בריסק — מיט די קאַזאַרמעס, מיט די רויטע „אָקאָלישקעס", מיטן מאַרק, מיט די קאַזאַקן, וואָס פלעגן אַ כאַפּ טאָן אַ בולקע אויף דער פּיקע. בריסק — מיטן פּאַגראָם פון 1905...

בריסק מיט אירע ספּעציעלע פּאַרנאַכטן, מיט די ערשטע שפּאַצירן, מיט דער ערשטער „סווידאַניע". אָדער בריסק — מיט באַגינען, ווען מען האָט זיך געמאָרעט פאַרן פּריזיוו, מיטן פרישן בריסקער אולניק...

די ערשטע פּראָקלאַמאַציע אין דעם ערשטן ערשטן־מאַי. די ערשטע „סווידאַניע" מיט אַן אַרעסטירטן חבר, אָדער חברטע, אין דער בריסקער טורמע.

אַלץ מישט זיך אויס, ווי אין אַ נעפּל, ווי אין דעם שטויב פון שאָסיי אין אַ זומערדיקן פּאַרנאַכט, ווען די אַרטילעריע איז נאָר־וואָס פאַרבייגעפאָרן מיט גרויס טומל.

יענע, יענע בריסק, וואָס לעבט אין אונזער זכרון.

* * *

און וואָס עקזיסטירט שוין ניט אַצינד.

פאַראַן ערגעץ אַ דערציילונג ביי שלום אַש וועגן אַ העלד, וואָס האָט געוואָלט זען זיין ערשטע געליבטע, וועלכע האָט מיט יאָרן צוריק חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערן (ווי דער שטייגער איז אָפּט געווען מיט ערשטע געליבטע). איז ער געפאָרן אין דעם שטעטל, וואו זי האָט געלעבט. אין האַרצן האָט ער נאָך אַלץ געטראָגן דאָס בילד פון יענער פרישער, יונגער מיידל, וואָס ער האָט געקענט מיט יאָרן צוריק.

פאַסירט האָט — אַן אומגליק. יענער העלד האָט געטראָפן אַן אויסגעמאַטערטע און אויסגעקינדלטע פרוי. ער איז אַנטלאָפן מיט שרעק.

אָבער יענע געליבטע איז אַפּנים ווייטער געבליבן לעבן אין זיין האַרצן, און זי האָט גאָר קיין שייכות ניט געהאַט מיט דער פרוי, וואָס ער האָט געזען און וועלכע האָט פאַר אים קיין שום באַדייטונג ניט געהאַט.

איך קאָן ניט זאָגן, אַז דאָס זאָל זיין דער פאַל מיט יעדן איינעם פון אונז, ווען ער קומט קיין בריסק. ווי געענדערט די שטאָט זאָל ניט זיין, וועט יעדער איינער געפינען ביי איר אַזאַ מין „חן־גריבעלע״, וואָס וועט אים דער־מאָנען די יונגע יאָרן.

איך האָב געזען די שטאָט אין 1918, ווען זי איז געווען פוסט און חרוב און האָט פאַרמאָגט די ערשטע עטלעכע הונדערט מענטשן, וואָס זיינען געקומען צוריק אַהיים... ווילד־פרעמדע האָבן זיך אַרומגעכאַפּט אין גאַס און זיך געקושט, ווי מען וואָלט דערזען דעם בעסטן פריינט אין לעבן... איך בין אַרומגעגאַנגען אין דעם אַש פון געוועזענע היימישע הייזער... איך האָב געזען סקעלעטן פון מויערן, און די שמאָלע וואַגאָנדלעך אויף די גאַסן, מיט וועלכע די דייטשן האָבן אַרויסגעפירט די ציגל פון אַזעלכע מויערן...

און דאָך האָב איך זי דערקענט. עס איז פאַר מיר גענוג געווען אַ קוק צו טאָן אויפן עטוואָס צוגעברענטן וואָקזאַל, אויפן „שווייצאַרסקע זאַל״ און איך האָב מיין געבורט־שטאָט דערקענט.

מיט דעם זעלביקן האַרץ־קלאַפּן האָב איך זיך דערנענטערט צו דעם וואָקזאַל מיט צוויי יאָר שפּעטער און מיט צען יאָר שפּעטער און מיט פערצן יאָר שפּעטער. בריסק איז געוואַקסן פון וויזיט צו וויזיט. געוואָרן גאָר אַנדערש. אָבער דאָך — בריסק.

אָבער דער אמת איז, אַז כאָטש איך האָב די שטאָט געזען אַזוי פיל מאָל נאָך דער מלחמה, פאַסירט אָבער אַלעמאָל, אַז ווען איך גיב אַ טראַכט וועגן „בריסק״, דערשיינט פאַר מיר יענע „אָריגינעלע״ שטאָט, אין איר „ריינער״ פאָרם, פון פאַר דער מלחמה, פון די יוגנט־יאָרן...

אַרויסגענומען פון זשורנאַל „אונזער וואָרט״, וואָס דער בריסקער טשעכאָנאָווצער ברענטש 15 האָט אַרויסגעגעבן אין 1937.

איינדרוקן פון מיין ערשטן און צווייטן באַזוך אין בריסק

י. פינקעלשטיין

1921 אונטער דער פּוילישער הערשאַפֿט און 1969 — אַ סאָוועטישע בריסק

פון י. פינקעלשטיין

בריסק אונטער דער פּוילישער הערשאַפֿט

אין 1921, נאָך עלף יאָר אָוועקזיין בריסק, טרעף איך זיך נאָכאַמאָל מיט דער שטאָט בריסק. געקומען בין איך מיט חבר קליינבערג, מיט אַ וויכטיקע שליחות פון די בריסקער לאַנדסלייט אין אַמעריקע און מיט הילף פאַר די בריסקער אין בריסק. מיר האָבן געבראַכט 120 טויזנט דאָלאַר און מיר האָבן דאָס צוטיילט צו 33 הונדערט פאַמיליעס. בריסק איז מער ווי האַלב געווען פאַרברענט און צעשטערט. די באַפעלקערונג און די אינסטיטוציעס זיינען געווען שטאַרק פאַראָרעמט. עס האָבן נאָך געהערשט די פּאָזנאַנטשיקעס, וואָס האָבן געריסן בערד און געמאַכט פּאָגראָמען. אָבער די הילף פון אַמעריקע (פון „בריסקער רעליף") האָט אַריינגעבראַכט אַ סך לעבן אין שטאָט, סיי פאַר יחידים און סיי פאַר די אינסטיטוציעס.

אַן איבערלעבונג ביים אַריינפאָר אין שטאָט

עס איז געווען סוף ווינטער, חודש אַפּריל 1921. די קעלטן זיינען געווען פאַרביי, די שנייען האָבן געלאָזט. אין דער לופט האָט זיך שוין געפילט אַ פרילינגס ווינטעלע. דער צוג פון וואַרשע, וואו איך האָב זיך געמוטשעט אַ גאַנצע נאַכט, איז גאַנץ פרי אָנגעקומען קיין בריסק. די שטאָט איז נאָך געווען אין אַ טיפן שלאָף, בלויז אין ווינקל אין הימל האָט אָנגעהויבן זשאַרייען און זיך אויסגעשפּרייט איבער די געבליבענע הייזער, וואָס די מלחמה האָט איבערגעלאָזט און זיינען געשטאַנען ווי יתומים אין די גאַסן.

דאָס האַרץ האָט פיבערדיק געקלאַפּט. איז דאָס די שטאָט וואָס איך האָב ערשט ניט לאַנג פאַרלאָזט? די שטאָט איבער וועלכער עס איז געלעגן אַ פּאָעטישע שיינקייט אַזאַ, אַ פאַרחלומטע שטילקייט, אירע ברייטע גאַסן, די בוימער פון ביידע זייטן וועלכע האָבן צוגעגעבן אַ סך חן צו דער שטאָט, שטייען איצט אויסגעקרימטע און פאַרברענטע. אַ קללה רייסט זיך אַרויס אויף די צעשטערער, מלחמה צינדער און פּאָגראָמטשיקעס.

איך גיי זוכן דעם בוים וואָס איך האָב פאַרפלאַנצט

איידער מיר פאַרלאָזן די שטאָט, זאָג איך צו מיין חבר קליינבערג: קומט, לאָמיר גיין צום אָרט וואו איך האָב אַ בוים פאַרפלאַנצט אין פראָנט

פון אונזער הויז, דאָרטן וואו איך האָב אין מיינע יונגע יאָרן אויסגעטרוימט מיינע חלומות און אין האַרצן פאַרוואָרצלט אַ שיינעם גלויבן.

מיר שפּאַצירן צום אָרט. דער טאָג איז שוין כמעט געווען פאַרביי, נאָר די לעצטע זון שטראַלן אויף די הויכע שפּיצן פון דער שטאָטישער קירכע, האָבן זיך נאָך געוויזן. די שטאָט ווערט פאַרטונקלט מיט אַן אָוונטיקע בענקשאַפט. מיר שפּאַצירן אויף שאָסיינע גאַס. קיין הייזער פון ביידע זייטן איז פון דער מלחמה ניט געבליבן, בלויז איין געבליבענע הויז, ווי אַ יתום, האָט זי אונז געפירט צום אָרט. די הויז וואו איך בין געבוירן געוואָרן איז מער ניטאָ, אָבער דער בוים, אַ צעוואָקסענער מיט געדיכטע צווייגן, שטייט אויסגעקרימט און טיילווייז פאַרברענט. אַ סימבאָל פון דער צייט... אין האַרצן האָט געדריקט אַ טיפער ווייטיק אויף דיליידן און איבערלעבונגען, וואָס די שטאָט און די מענטשן האָבן איבערגעטראָגן.

אויפן גאַנצן וועג צוריק אַהיים, איז מיר די בילד בריסק, געשטאַנען פאַר די אויגן, און דעם בילד מיט דעם גרוס, האָב איך געבראַכט צו די בריסקער אין אַמעריקע.

אַ סאָוועטישע בריסק

דער וועג קיין בריסק איז געווען אַ לאַנגער. איך בין דורכגעפאָרן האָלאַנד, דייטשלאַנד, פוילן. אין די אַלע לענדער זעט איר נייע, שיינע הייזער, גרויסע געשעפטן און אויך מיילן ווייט פאַרזייטע פעלדער. שניידט זיי די באַן דורך און יאָגט זיך — און אַלץ נענטער קום איך צו דער שטאָט בריסק.

אָבער געדאַנקען שלאָגן אין קאָפּ, ווען איר פאָרט דורך דייטשלאַנד, פוילן אויף וועמענס ערד די נאַציס האָבן געטריבן מיליאָנען מענטשן צו דער שחיטה. דורכן פענצטער פון באַן, זעט זיך אַ שטילע רואיקייט, אָבער דער געשריי פון אַ מיליאָן קינדערלעך, וועמען די נאַציס האָבן דערמאָרדעט, קלינגט אין מיינע אויערן.

איך דערנענטער זיך צו בריסק. דאָס האַרץ קלאַפּט. דער קאָנדוקטאָר שרייט אויס „סטאַנציע ביאַלאַ" (ביאַלע) און אַביסל שפּעטער — טערעספּאָל. און אָט בין איך אין בריסק, די היסטאָרישע שטאָט, וואָס האָט פיר מאָל זיך איבערגעבויט נאָך פיר גרויסע שריפות און צוויי מאָל פון צוויי וועלט־מלחמות.

די שטאָט ליגט שוין אין אַן אָוונטיקער שטילקייט. ווען דער „אינטוריסט" פירט מיך פון דעם אַלטן וואָקזאַל, פירט מיך אַריבער דעם אַלטן בריק, דערזע איך אַ גרויס בילד פון קאַרל מאַרקס, אויף „מעדאָווע" גאַס, וועלכע הייסט איצט: לענין־גאַס. זי איז אינגאַנצן דעקאָרירט מיט רויטע פאָנען, נאָך פון דעם 1טן מאַי. דעם יאָר איז אויסגעקומען פייערן 4 טעג נאָכאַנאַנד.

קאָרגע פיר שעה האָב איך שפּאַצירט איבער דער שטאָט מיט אַ דאָרטיקן איינוואוינער, מישאַ סאַרווער. קיינער האָט אונז ניט נאָכגעקוקט. מיר זיינען געגאַנגען פריי וואו מיר האָבן געוואָלט. מיר זיינען געזעסן אין רעסטאָראַן און געשמועסט ווי לאַנג. פון רעסטאָראַן האָבן מיר שפּאַצירט אין די גאַסן און גענומען אַ סך בילדער מיט מיין אַפּאַראַט.

פון שפּאַציר זיינען מיר אַריין אין הויז פון אַ בריסקער פאַמיליע. דאָרטן האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן די פאַרבליבענע פריערדיקע בריסקער פאַמי־ליעס. מיר האָבן געהאַט אַ פיינעם מאַלצייט. קיינער האָט ניט קיין מורא געהאַט צו פרעגן, צו דיסקוטירן און ריידן. איך האָב זיי דערציילט פון די בריסקער אין אַמעריקע און אויך געזאָגט אַז פון סאָוועטן־פאַרבאַנד פאַר איך קיין ישראל. עס איז געווען אַ פיינע אויפנאַמע, אָבער דאָס האַרץ האָט גע־וויטיקט נאָך די בריסקער אידן וואָס האָבן געפעלט...

בריסק איז שוין אינגאַנצן ניי־איבערגעבויט מיט 8 און 10 שטאָקיקע הייזער. די גאַנצע שטאָט איז איינגעהילט אין ביימער. דער שאָסיי איז מער ניטאָ.ביידע זייטן פונעם געוועזענעם שאָסיי, וואָס זיינען געווען באַדעקט מיט זאַמד, זיינען צעמענטירט און אין מיטן ביימער און בענק, וואָס ציען זיך פונעם י„סאַד״ (גאַרדן) ביז „קיעווער ליניע״. די באַוואוסטע „ברייטע גאַס״ איז געוואָרן אַן אויטאָמאָביל־וועג, מיט אַ בריק איבערן טייך צו קאַטעלנע און ציט זיך אין ווייטע געגנטן אין לאַנד. אויף דער „פּימאַוואַרנע״ גאַס, ביי די יאַטקעס, וואָס איז געווען פול מיט בלאָטעס, שטייען איצט 6 און 8 שטאָקיקע הייזער. פון דער קרעפּאַסט (פעסטונג) האָט מען געמאַכט אַ פּראַכטפולן מוזיי.

בריסק פאַרמאָגט איצט 110 טויזנט מענטשן, דערין 500 אידן. פון זיי — צען פריערדיקע פאַמיליעס. בריסק פאַרמאָגט צוויי גרויסע זאַוואָדן, די גרעסטע זאָקן־פאַבריק אין לאַנד, איין עלעקטראַניק זאַוואָד, אַ גרויסן אינסטיטוט פון אַרכיטעקטור, אַ גרויסע פּעדאַגאָגישע אינסטיטוציע פאַר לערער.

עס איז געווען זונטיק, די קראָמען זיינען געווען פאַרמאַכט, די גאַסן נאָך אויסגעצירט מיט רויטע פאָנען פון 1טן מאַי. מענטשן פיין אָנגעטאָן שפּאַצירן מיט זייערע פרויען. די מערסטע פון זיי יונגע. אַ סך באַגריסן זיך מיט מיין לאַנדסמאַן, מישאַ סאַרווער.

פון דאָרטן זיינען מיר אַוועק צו דעם קבר, וואו די נאַציס האָבן אין איין גרוב אַריינגעוואָרפן הונדערטער מענער, פרויען און קינדער, וואו זיי זיינען אַלע באַגראָבן געוואָרן. דער פּלאַץ איז פאַרצאַמט, ריין, באַוואַקסן מיט גראָז, מיט אַ גרויסן מאָנומענט. אין האַרצן האָט געשטיקט אַ שווערער ווייטיק, דערמאָנענדיק זיך יענע טרויעריקע מינוטן וואָס עס האָבן איבערגעלעבט די בריסקער און זייערע קינדערלעך. ווען מישאַ סאַרווער האָט גענומען זאָגן קדיש, האָט זיך אַ גאָס געטאָן ביי מיר טרערן אויפן גרויסן קבר.

דוד לייבאָוויץ דער לאַנדסמאַן און מוטיקער קעמפער

דוד לייבאָוויץ

פון י. פינקעלשטיין

דוד לייבאָפיץ, דער פּראָגרעסיווער בריסקער לאַנדסמאַן, איז געווען אַ מענטש וואָס האָט ליב געהאַט זיינע מיטמענטשן, זיינע פריינט, זיינע אָרגאַניזאַציעס וואו ער האָט באַלאַנגט, אין דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג. דוד איז געווען אַ האַרציקער חבר, וואָס האָט שטענדיק צוגעטראָגן זיין חלק אַרבעט אין די קאַמפן פאַר העלפן ברענגען יושר און גערעכטיקייט צווישן מענטש און מענטש, פאַר אַ שענערע וועלט פאַר אַלע מענטשן.

דוד איז געווען פון די ערשטע מיטגלידער אין דער מילינערי יוניאָן. ווען די יוניאָן האָט געפירט סטרייקס איז דוד געווען אויף דער „פּיקעט ליין", געווען אַרעסטירט און ביז זיין צוריקציען זיך פון דער אַרבעט, געווען אַ געטרייער יוניאָן־מאַן וואָס האָט געקעמפט אַלע מאָל מיט די פּראָגרעסיווע גרופּן קעגן ביוראָקראַטיע און פאַרפאָלגונגען. איבער פופציק יאָר האָט דוד געאַרבעט אין די שעפּער. איבעראַל האָבן אים די אַרבעטער רעספּעקטירט פאַר זיין ערלעכקייט און ברייטהאַרציקייט צו זיינע מיטמענטשן. מ'האָט אין אים געזען דעם באַוואוסטזיניקן אַרבעטער, ביי וועמען דאָס באָנדל האָט ניט געשפּילט פאַר אים די הויפּט־ראָל, נאָר די איינִיקייט און די ברודערשאַפט אין קאַמף פאַר די אינטערעסן פון די אַרבעטער.

אין 1910 קומט דוד לייבאָוויץ קיין אַמעריקע און ווערט גלייך אַקטיוו אין דער פּראָטערנאַלע באַוועגונג. שליסט זיך אָן אין בריסקער ברענטש אַרבעטער רינג און העלפט גרינדן פילע בריסקער אָרגאַניזאַציעס, ווי: בריסקער זעלבסט־בילדונג קלוב, בריסקער בונדישער פאַראיין, בריסקער רעליף, בריסקער סענטער, בריסקער אינדעפּענדעט אַרבעטער רינג, אָרדן קולטור קלובן און בריסקער טשעכענאָוויצער סאָסייטי וואו ער איז לאַנגע יאָרן געווען פּראָטאָקאָל סעקרעטאַר. דוד האָט ליב געהאַט זיינע לאַנדסלייט, און ביז די לעצטע טעג געשטאַנען מיט דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג און געשטיצט אַלע אירע אָרגאַניזאַציעס. זיין געטריי חברטע רייזל לייבאָוויץ, האָט אין זיין אָנדענק געגעבן 1000 דאָלאַר, פון וועלכער זיין אייביקער חבר י. פינקעלשטיין האָט צוטיילט צו די פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס.

כבוד זיין ליכטיקן אָנדענק!

(געשטאָרבן 22 מערץ 1972)